# די שטאָט פון אמת

(פיעסע אין דריי אַקטן)

(נאָכדרוק און אויפפירונג פאַרבאָטן אָן דער דערלויבעניש פון איבערזעצער).

## אַ פּאָר ווערטער וועגן לעוו לונץ, דעם מחבר:

לעוו לונץ, דער מחבר פון דער באמת־מערקווירדיקער פיעסע „די שטאָט פון אמת", האָט געהערט צו דער גרופּע רוסישע שריפטשטעלער, וועלכע איז אויפגעקומען באַלד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אונטערן נאָמען „די סעראַפּיאָנען־ברידער".

די דאָזיקע יונגע, הויך־טאַלאַנטירטע גרופּע האָט אין אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן געמאַכט אַ רושם מיט זייער אייגנאַרטיקער אויפפאַסונג און קינסטלערישן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון פּראָזע־שרייבן. דער הויפּט־שטריך פון זייער אַרט שרייבן איז באַשטאַנען אין דעם צוריקקער צו גאָגאָל'ס מעטאָד פון רעאַליסטיש־סימבאָלישער שילדערונג.

צווישן „די סעראַפּיאָנען־ברידער" זיינען געווען צוויי אידן: מיכאַאיל סלאָנימסקי און לעוו לונץ, וועלכע זיינען פון דער קריטיק, סיי אין רוסלאַנד, סיי אין אויסלאַנד דעמאָלט אָנערקענט געוואָרן אַלס די טאַלאַנטפולסטע פאָרשטייער פון דער גאַנצער גרופּע.

לעוו לונץ האָט געלעבט בלויז 23 יאָר. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 2טן מאַי 1901 און איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט אין אַ האַמבורגער סאַנאַטאָריום דעם 9טן מאַי 1924.

חוץ דער פיעסע „די שטאָט פון אמת" האָט לעוו לונץ אָנגעשריבן אַ פּאָר אַנדערע פּיעסן: „די מאַלפּעס קומען", „אויסערן געזעץ" און אַ צאָל אינטערעסאַנטע דערציילונגען, צווישן זיי אַ קורצע דערציילונג „אין מדבר", וואָס שילדערט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן ווי אַזוי די בני־ישראל האָבן געוואַנדערט איבערן מדבר אויף זייער וועג פון מצרים קיין כנען. די דאָזיקע דערציילונג ווערט באַטראַכט אַלס קלאַסיש ווערק אין דער מאָדערנער רוסישער ליטעראַטור, סיי לויט דער ווייכער, קאָליר־רייכער, בויגזאַמער, ביבלישער פאָרם, סיי לויטן טיפן פּסיכאָלאָגישן אינהאַלט.

מאַקסים גאָרקי האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון דעם יונגן אידיש־רוסישן שריפטשטעלער, באַזונדערס פון זיין מערקווירדיקער דערציילונג „אין מדבר". אין דעם רוסישן זשורנאַל „בעסיעדאַ", וואָס איז דערשינען אין 1924 אין בערלין, געפינען מיר אַ נעקראָלאָג, וואָס גאָרקי האָט געשריבן אויפן טויט פון לעוו לונץ, וואו ער לויבט שטאַרק דעם יונג־פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער פאַר זיינע הויכע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

**ל. פיינבערג**

## הקדמה

די העלדן פון דער פיעסע זיינען, לויט דעם ווי דער מחבר האָט זיי פאַרטראַכט, נישט קיין באַזונדערע פערזאָנען, נאָר **צוויי פעלקער**, צוויי המונים: סאָלדאַטן און די איינוואוינער פון דער „שטאָט פון גלייכהייט".

די שטאָט־איינוואוינער זיינען אַלע ענלעך איינער אויפן צווייטן, טראָגן איין־און־דיזעלבע קליידער, טרעטן מיט דיזעלבע געמאָסטענע טריט, רעדן מיט אַ פאַרדומפן קול, שאַרף און מאָנאָטאָן. זיי גיסן זיך אַלע צונויף אין איין מאַסע.

די סאָלדאַטן — יעדער איינער איז אַ באַזונדער טיפּ. די קליידונג, די שטימען, די באַוועגונגען זיינען ביי יעדן איינעם פון זיי אייגענע, נישט ענלעך אויף די אַנדערע. דער דאָזיקער המון ענדערט זיך אין יעדער סצענע. פון גראָבע, פויערישע זידלערייען גייען זיי אַריבער צו הויכע מליצה'דיקע רייד. פאַר יעדער באַזונדער סצענע, פאַר יעדן איבערברוך פון סטיל קומט אַ פויזע און, געוויינלעך, אַן ענדערונג אין דער באַלייכטונג פון דער בינע.

**לעוו לונץ**

# די שטאָט פון אמת

(פיעסע אין דריי אַקטן)

• פון לעוו לונץ

אידיש: ל. פיינבערג

## פ ע ר ז אָ נ ע ן:

| | |
|---|---|
| דער קאָמיסאַר | וואַניאַ |
| דער דאָקטאָר | סאָלדאַטן: |
| סאָלדאַטן: | ערשטער |
| דער מרה'שחורה'ניק | צווייטער |
| דער דיקער | דריטער |
| דער פריילעכער | פערטער |
| דער אַלטער | פינפטער |

## די איינוואוינער פון דער שטאָט פון גלייכהייט:

| | |
|---|---|
| ערשטער עלצטער | צווייטער בחור |
| צווייטער עלצטער | דריטער בחור |
| דריטער עלצטער | אַ מיידל |
| ערשטער בחור | אַ אינגל |

## ערשטער אַקט (פּראָלאָג)

### ע ר ש ט ע  ס צ ע נ ע

(דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף. נאַכט. טונקל. די לבנה באַלויכט אַ מחנה סאָלדאַטן, וואָס רינגלען אַרום דעם קאָמיסאַר. אַלע זיינען אויסגעמאַטערט, מיד און אָפּגעריסן. אָנגעטאָן אין וואָס עס איז זיי אונטער דער האַנט געקומען. אויף אייניקע פון זיי קאָן מען זען טראַנטעס פון אַלטע סאָלדאַטסקע אוניפאָרמען. אַנדערע זיינען איינגעהילט אין פעלן פון חיות. נישט אַלע פאַרמאָגן ביקסן: אַנדערע טראָגן פאַרצייטיקע פּיקעס און אַפילו העק. אַלע זיינען אויפגערעגט און שפּאַרן זיך צום קאָמיסאַר. אין הינטערגרונט זיצט דער דאָקטאָר, אַ רואיקער און שמייכלט).

דער המון: קיין רוסלאַנד!

דער קאָמיסאַר (צוערשט רעדט ער נערוועז, אויפגערעגט, אָבער וואָס ווייטער ווערט ער זיכערער ביי זיך און צום סוף דערגייט ער צו אמת'ן פּאַטאָס): דאָרט! דאָרט! דאָרט איז רוסלאַנד! און וואָס איז הינטער אונז? כינע, די געל־געזיכטיקע כינע, פאַרשאָלטן זאָל זי ווערן! פינף יאָר האָבן מיר זיך געמוטשעט ביי די קאָסאָקע כינעזער, ביי די פרעמדע, געאַרבעט פאַר זיי, ווי די אָקסן. גענוג! צייט צו גיין אַהיים! און אין דער היים? וואָס איז דאָרטן? געהערט וואָס די מרגלים האָבן דערציילט? אין דער היים איז דער אמת און די מענשן לעבן דאָרט לויטן אמת. און אַלע זיינען גלייך. מע דאַרף בלויז אַרבעטן. דו הערסט — אַרבעטן, און קיינער איז נישט בעסער פון דיר. קיינער וועט נישט זאָגן: „איך בין רייכער פון דיר!" — נישטאָ מער קיין געלט, נישטאָ קיין מאַטניאַ! און קיינער וועט נישט זאָגן: „איך בין פון שענערן יחוס!" — אַלע פאַרמאָגן איין בלוט, דאָס זעלבע רויטע בלוט ביי אַלעמען. ווילסט אַקערן די ערד — דיינע איז די ערד! ווילסט ווערן אַ מייסטער — דיינער איז דער וואַרשטאַט! קיינער קאָן דיר נישט אָפּזאָגן — אַרבעט און עס, וויפל דיין האַרץ גלוסט. נישטאָ מער קיין הריגות, קיין גניבות, און קיין געריכטן און קיין טורמעס זיינען אויך נישטאָ, און קיין שטייערן און קיין סאָלדאַטן אויך נישטאָ! מע פאַרגיסט מער קיין בלוט נישט — שלום אויף דער וועלט. פרידן אין שטוב, פרידן אין הויז און אין פעלד און איבערן גאַנצן לאַנד. ווייל אַלע מענשן זיינען גלייך!

דאָקטאָר (לאַכט בייז. אַלע בלייבן שטיל. פויזע. די שטימונג פאַלט).

אַ נישט־דרייסטע שטים פון צווישן די סאָלדאַטן: אָבער איך בין הונגעריק!

אַ צווייטע שטים: נאָך ווי הונגעריק!

דער המון (כאַפּט אונטער): מיר זיינען מיד, מיד! דאָרט זיינען מיר געווען זאַט! און דאָ איז דער טויט!

דער מרה־שחורה'ניק: רעדן רעדסטו שיין, דו דערלאַנג עפּעס עסן.

דער המון: עסן! עסן! עסן! האָסט אונז אַרויסגעפירט פון דאָרטן, דערלאַנג עסן! דאָרט האָבן מיר זיך שוין איינגעלעבט.

דער מרה־שחורה'ניק: אונזערע ווייבער זיינען פאַרבליבן דאָרטן.

דער המון (צערייצט): מיין ווייב! מיין ווייב! שוין זעקס וואָכן! לאָמיר גיין צוריק! צו וואָס האָסטו אונז אַרויסגעפירט? צוריק! ווייטער גיי איך נישט! איך — אויך נישט! איך אויך! איך אויך! צוריק! צוריק! צוריק! (טרעטן צו נענטער צום קאָמיסאַר).

דער קאָמיסאַר: איר זייט הונגעריק? מיד? וועט איר נאָך הונגעריקער זיין! השתנה וועט איר טרינקען! אויסמייקעכץ וועט איר עסן! אָבער איר וועט זיך דערשלעפּן!

דער המון: זאָגסט ליגן! מיר וועלן ווייטער נישט גיין!

דער קאָמיסאַר: איר ווילט נישט? איז ווי איר ווילט! גייט צוריק! איבערן מדבר גאָבי! איבער מדבר גאָבי, איר הערט? זעקס וואָכן זיינען מיר געגאַנגען אַהער — איצט זעקס וואָכן אויף צוריק. וועט איר זיך דערשלעפּן צוריק? וועט איר דערגיין אַהין? ניין, ברידערלעך, איר וועט קראַפּירן... אפשר וועסטו זיך דערשלעפּן, אָדער דו, אָדער דו? זעקס וואָכן איבער מדבר גאָבי! (דער המון שווייגט פאַרכמורעט).

דער קאָמיסאַר (מיט פּאַטאָס): אָבער אַהין, פאָראויס וועט איר דערגיין! איין טאָג בלויז איז פאַרבליבן צו גיין. וועלן מיר אַלץ איבערלאָזן און זיך אומקערן צוריק? בלויז איין טאָג, איין טאָג! איר דערמאָנט דאָס ברויט, וואָס איר האָט געגעסן אין כינע? געדענקט איר אָבער, ווי שווער איר האָט דאָרט געאַרבעט? געדענקט איר דעם שווייס אויפן לייב און דאָס בלוט אויף די ליפּן? פאַרגעסן? פאַרגעסן, ווי איר האָט געוויינט וועגן דעם היימלאַנד אין די אָוונטן ביים פייער? ווייבער, זאָגט איר? זיינען דען אייערע ווייבער נישט דאָרט, אין רוסלאַנד? נישט קיין קליינינקע, נישט קיין געלינקע און שטומע, ווי פישלעך, נאָר אייערע אמת׳ע ווייבער, בלאָנדע און היפּשע? האָט איר פאַרגעסן אָן אייערע קינדער, די אייגענע קינדער — ווייסינקע, קאַרנאָסע, מיט אייערע אויגן, מיט אייער בלוט! אין אַ טאָג אַרום, בלויז איין טאָג אַרום וועט איר זען אייערע קינדער!

דער המון: קיין רוסלאַנד!

דער קאָמיסאַר: און דער הונגער?

דער המון: קיין רוסלאַנד!!

דער קאָמיסאַר: און דאָס ברויט, וואָס איר האָט געגעסן ביי די געלע?

דער המון: קיין רוסלאַנד!

דער קאָמיסאַר: און די ווייבער, מיט וועלכע איר זייט געשלאָפן אין כינע?

דער המון: קיין רוסלאַנד!

דער קאָמיסאַר: הערט־זשע! דער ערשטער, וואָס וועט זיך נעמען קלאָגן, דעם וועל איך דער׳הרג׳ענען! און הערט ווייטער: דער ערשטער, וואָס וועט שטרויכלען אין וועג, דעם וועל איך טויטן! בלויז די געזונטע וועלן דערגיין — טויט צו די קראַנקע!

דער המון: קיין רוסלאַנד!

דער קאָמיסאַר: אַ זיג! (וואַקלט זיך) אויף אָפּרו, חברה! אויף נאַכטלעגער! (וויל גיין און קאָן נישט) (וואַניאַ לויפט צו) פיר מיך אָפּ, ליבער, און לייג מיך אַוועק אויפן שינעל... איך בין מיד, איך וועל בלויז איצט... איך... (שלאָפט־איין אויף וואַניאַס אַקסל).

וואַניאַ: קאָמיסאַר! עי, קאָמיסאַר, דו הערסט?

אַלטער סאָלדאַט: איינגעשלאָפן, דער האַרציקער, פאַרמאַטערט געוואָרן.

דאָקטאָר: פאַראַן פון וואָס מיד צו ווערן. דריי מעת־לעת נישט געשלאָפן, געציטערט, מען זאָל אים נישט דער׳הרג׳ענען — איר אַלע!

אַלטער סאָלדאַט: האַ, דאָקטאָר! דו ביזט אויך דאָ.

(מע פירט אַוועק דעם קאָמיסאַר אין ווינקל און מע לייגט אים אַוועק אויפן שינעל).

קאָמיסאַר (שרייט פון שלאָף): אַ! אַ! אַ!

וואַניאַ (לויפט־צו צו אים): קאָמיסאַר!

קאָמיסאַר: וואַניאַ! וואַניאַ! (דריקט זיך צו צו אים).

וואַניאַ (צערטלעך): איך בין דאָ! איך בין דאָ!

קאָמיסאַר: וואַניאַ! דו איינער, דו האָסט מיך ליב... באַשיץ מיך, אויב זיי וועלן... אָט וועל איך איינשלאָפן... און אויב זיי וועלן אָנהייבן... וועק מיך אויף, זיי זאָלן מיך נישט דער׳הרג׳ענען... וואַניאַ! (שלאָפט־איין).

וואַניאַ: שלאָף, שלאָף... (דעקט אים איין און גייט אַוועק אָן אַ זייט צו די אַנדערע סאָלדאַטן).

דאָקטאָר (בלייבט שטיין איבערן שלאָפנדיקן קאָמיסאַר): אַ שרעקלעכער מענש!

## צווייטע סצענע

(פויזע. די לבנה באַהאַלט זיך. לינקס — ליגט דער קאָמיסאַר און שלאָפט. דער דאָקטאָר ליגט אויך. רעכטס — די סאָלדאַטן).

אַלטער סאָלדאַט: מע דאַרף תפילה־טאָן, ברידערלעך! (שטיל־שווייגן). תפילה־טאָן?

מרה־שחורה׳ניק: כאַפּט דיך דער טייוול! אויך מיר אַ בעלן צו גיין קיין רוסלאַנד! אין רוסלאַנד איז קיין גאָט נישטאָ!

פריילעכער סאָלדאַט: מ׳האָט אים דאָרט ליקווידירט! (לאַכט מיט אַ ווילד געלעכטער איינער אַליין. קיינער לאַכט נישט מיט. שטילשווייגן).

וואַניאַ: אָנקל יאַשאַ! אָנקל יאַשאַ! שלאָפסט?

ערשטער סאָלדאַט: כ׳שלאָף.

וואַניאַ: און איך קאָן נישט איינשלאָפן. כ׳וועל די גאַנצע נאַכט נישט שלאָפן. איך ליג און טראַכט אַלץ... וועגן דעם, וואָס דער קאָמיסאַר האָט גערעדט. אָנקל יאַשאַ, האַ?

ערשטער סאָלדאַט: טשעפּע זיך אָפּ, קלעפּיקער!

דריטער סאָלדאַט: אַך, ווי מיד מיר זיינען, אַזוי מיד, צום טייוול!

פערטער סאָלדאַט: כ׳וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסן, ווי אַזוי מע צעטיילט דאָרט די ערד.

מרה־שחורה׳ניק: אָן שווינדל וועט מען זיך נישט באַגיין. זשוליקעס!

דריטער סאָלדאַט: קיין ערד איז שוין דאָרט זיכער נישטאָ. מ׳האָט זי אינגאַנצן צעשלעפּט.

מרה־שחורה׳ניק (פריידיק): אַוודאי, וואָדען?

פערטער סאָלדאַט: און וויפל וועט מען יעדן איינעם געבן? אַ כזית׳ל, מסתם?

פריילעכער סאָלדאַט: דריי אַרשין — די גאַנצע דעסיאַטין, כאַ־כאַ!

וואַניאַ: אָנקל יאַשאַ; אַה, אָנקל יאַשאַ!

ערשטער סאָלדאַט: נו, וואָס ווילסטו, פּלוידערזאַק?

וואַניאַ: און איך געדענק אַפילו נישט אָט־די רוסלאַנד. בין צו־קליין געווען. ווי קאָן עס זיין, אָנקל יאַשאַ?

ערשטער סאָלדאַט: מ׳עט דיך אָפּשמייסן, וועסטו זיך דערמאָנען.

וואַניאַ: און אפשר געדענק איך זי, אָט־די רוסלאַנד, אָבער איך ווייס נישט, צי דאָס איז זי טאַקע אויף אַן אמת, צי אין חלום. איך זע שטענדיק אין חלום אַזוינע מאָדנע זאַכן.

מרה־שחורה׳ניק: אַ נאַריש בחור׳ל!

וואַניאַ: זי איז אינגאַנצן אַזאַ בלויע, רוסלאַנד. אַזוי געדענק איך זי: אי דער הימל איז בלוי, אי דער וואַלד, אי די מענשן.

מרה־שחורה׳ניק: אַוודאי אַ באָלוואַן! אַ חסר־דעה!

ערשטער סאָלדאַט: וואַרט נאָר, בחור׳ל, עלטערן האָסטו?

וואַניאַ: איך געדענק נישט.

מרה־שחורה׳ניק: אַך, טייוול! (שפּייט אויס).

ערשטער סאָלדאַט: שוטה, כאַפּ אַ קוק אויף מיר און דערמאָן זיך: טאַטע־מאַמע, געדענקסטו?

וואַניאַ: נ.. ניין.

אַלטער סאָלדאַט: די כינעזער האָבן אָפּגעשלאָגן דעם זכרון ביים יונג, שיר נישט דער׳הרג׳עט, די שדים.

וואַניאַ (שטיל): און אַ כלה האָב איך אויך! (געלעכטער).

דיקער סאָלדאַט: אַ כלה? ווייסטו, וואָס אַ כלה איז? וואו איז זי, דיין כלה?

וואַניאַ: אין רוסלאַנד.

פערטער סאָלדאַט: אַ שיינע, מסתם?

וואַניאַ: איך געדענק נישט. (געלעכטער).

סאָלדאַטן: אַ פיינער חתן! פאַרגעסן די כלה.

וואַניאַ: (פּשוט): אַקוראַט געדענק איך נישט — דאָס פּנים ביי איר איז אַ גרויס און אַ ווייס. און אינגאַנצן איז זי אַ ווייסע. מער געדענק איך נישט. (לעבעדיקער) ווען איך דערזע זי אין חלום, ווערט מיר אַזוי ליכטיק, ווי אין פרילינג, אַ־אַ־אַ! זי איז אַזוי הויך, ווי איך, און אַזאַ שטילע. און קומט זי צו נאָענט צו מיר, ווערט די ברוסט ביי מיר ברייטער און אַלץ נעמט זי אַריין, די ברוסט מיינע: די לופט, דיביימער און דאָס זאַמד. (שטיל) כ׳מיין אין חלום אַלץ...

מרה־שחורה׳ניק: נו, און אויב דיין כלה, לאָמיר זאָגן, האָט זיך אויף דיר נישט געקאָנט דערוואַרטן און חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן?

וואַניאַ: וואָס הייסט, מיט אַ צווייטן?

מרה־שחורה׳ניק: זייער פּשוט: דו ביזט נישטאָ, גייט זי מיט אַ צווייטן...

וואַניאַ (מיט כעס): וועל איך זיי דער׳הרג׳ענען! (געלעכטער).

סאָלדאַטן: צעיאָגט זיך, העלד מיינער! אַי, איז דאָס אַ בחור!

וואַניאַ: כ׳וועל דער׳הרג׳ענען! אים צוזאַמען מיט דער כלה וועל איך דער׳הרג׳ענען.

## דריטע סצענע

(פון דער ווייטער ווייט, פון חושך אַרויס דערהערט זיך אַן אויסגעצויגענער שאַל פון אַ טרובע דערנאָך אַ געקלאַנג פון גלעקער. די סאָלדאַטן בלייבן שטיין פאַרגליווערט, געפּלעפּט. אַ קורצע פויזע).

אַ ניט־זיכערע שטים: וואָס? וואָס? וואָס?

אַלע מיטאַמאָל: געהערט? געהערט? איך האָב געהערט, אַ גלאָק! איך אויך! איך — אויך! וואָס? וואָס?

יונגער סאָלדאַט (שפּרינגט־אויף): דאָס איז רוסלאַנד! סאָלדאַטן! מיר זיינען דערגאַנגען! מיר זיינען אָנגעקומען, סאָלדאַטן! רוסלאַנד!

(עס דערהערט זיך אַ טומלדיקער זיפץ פון באַגייסטערונג — און אַלע שטייען שוין אויף די פיס).

יונגער סאָלדאַט: סאָלדאַטן! מיר זיינען אין דער היים! דאָס איז אונזערס: דאָס זאַמד, די ערד — אַלץ איז אונזערס. סאָלדאַטן, אונזערס!

(ווידער דערהערט זיך פון חושך אַרויס אַ גלאָקן־געקלאַנג. די סאָלדאַטן, ווילד פון פרייד, וואַרפן זיך איינער צום צווייטן, קושן זיך, אַנדערע וויינען שיער ניט).

סאָלדאַטן: מע טרובעט! מע טרובעט! גלעקער! ברידערלעך, הערט! וויין נישט, שוטה! מאָרגן — אין דער היים! היים, אין דער היים! קאָמיסאַר? דער קאָמיסאַר האָט נישט געהערט! קאָמיסאַר! לאָז אים שלאָפן! לאָז אים צורו! ער שלאָפט. דאָקטאָר, דאָקטאָר, האָסט געהערט?

דאָקטאָר (שאַרף, מיט אַ הויך קול): איך האָב גאָרנישט געהערט!

סאָלדאַטן (דערשראָקן, בלייבן שטיל, נעמען רעדן אַלע מיטאַמאָל): וואָס הייסט, נישט געהערט? ער האָט נישט געהערט! רוסלאַנד! וואָס הייסט? מ'האָט דאָך געטרובעט! מיר זיינען דערגאַנגען, געקומען — רוסלאַנד!

דאָקטאָר: שטות! (שטייט פּוילבלעך אויף דער ערד) וואָסאַראַ רוסלאַנד? שטות! זאָג איך אייך! וואו האָט איר דאָ רוסלאַנד? נאַכט, פון חושך האָט מען פּלוצים געטרובעט? ער רעדט פון היץ! ווער האָט געהערט? איך האָב גאָרנישט ניט געהערט... ווער? דו? (דער סאָלדאַט טרעט צוריק) צי דו האָסט געהערט? איז ווער פון אייך האָט עס געהערט, דער טייוול נעמט אייך? (די סאָלדאַטן, צעטומלטע, שווייגן).

דאָקטאָר (לייגט זיך צוריק אויפן פריערדיקן פּלאַץ): לייגט זיך בעסער שלאָפן. אינדערפרי וועלן מיר זען: קיינער האָט גאָרנישט ניט געהערט.

(די סאָלדאַטן לייגן זיך אַוועק, שווייגנדיק און פאַרכמורעט).

דאָקטאָר (שטיל): אָבער איך האָב דאָך יאָ געהערט, איך! הייסט עס, מ'עט דערגיין? אָדער מ'איז שוין דערגאַנגען! און מ'עט געפינען אַ גן־עדן! מע דאַרף גיין צוריק! (בייגט זיך איבערן שלאָפנדיקן קאָמיסאַר) דענקסט, איך האָב דיר געגלויבט, דעם ליגנער? אַ גן־עדן אויף דער ערד — און אַלע ווי איינער? אמת, יושר, גליק? אויב אַפילו יאָ, אויב אַפילו ריכטיק — וויל איך נישט דיין גן־עדן! איך וויל נישט, אַז מיר זאָלן דערגיין — קראַפּירט, און איך צוזאַמען מיט אייך, אָבער אַהין וועל איך אייך נישט לאָזן גיין. ניין, ניין! איך האָס דיין גן־עדן! איך וויל נישט! צוריק צוריק, איידער עס ווערט שפּעט! (שטילשווייגן).

## פערטע סצענע

אַלטער סאָלדאַט: מ'וואָלט געדאַרפט תפילה־טאָן, האַ? (פּויזע). תפילה־טאָן?

מרה־שחורה'ניק: גיי צום טייוול, שוטה!

דיקער סאָלדאַט: גאָט! כאַ־כאַ־כאַ! כאַפּ דעם ווינט אין פעלד!

סאָלדאַטן (רייצן זיך מיט אַלטן): אַ נו, זיידעניו, ווער אין כעס! אַ נו באַשטראָף אונז, די גאָט־לעסטערער! וואָס־זשע בעטסטו נישט גאָט, אַ, אַ?

אַלטער סאָלדאַט: וועל איך טאַקע תפילה־טאָן.

סאָלדאַטן: אוי, ווי שרעקלעך! אוי, ווי קאָמיש! כ'שטאַרב פון געלעכטער! (לאַכן).

(אַלטער סאָלדאַט גייט־אָפּ אָן אַ זייט און הויבט־אָן זאָגן זיינע תפילות שטילערהייט, פאַר זיך, צלמ'ט זיך מיט ברייטער האַנט).

סאָלדאַטן: וואָס־זשע מאַכסטו עס אין דער שטיל, זיידעניו? האָסט מורא? און וואו איז ער דיין גאָט? ווי זעט ער אויס? זיידעניו, דו גיב אַ קנאַל אויף אונז מיט אַ דונער!

(דער אַלטער זאָגט רואיק זיינע תפילות. דער חוזק־געלעכטער שטילט זיך איין. פּויזע).

ערשטער סאָלדאַט (נישט זיכער, שטיל): פאַרגעס נישט, זיידעניו, וועגן דער ערד תפילה צו טאָן.

צווייטער סאָלדאַט (כאַפּט אונטער): אַז מ'זאָל געפינען די קרובים לעבעדיקע, זיי זאָלן אונז נישט פאַרגעסן...

דריטער סאָלדאַט: וועגן ערד... וועגן ערד...

פערטער סאָלדאַט: און וועגן וואַלד...

פינפטער סאָלדאַט: און וועגן טייך.

(איינער נאָכן צווייטן רינגלען די סאָלדאַטן אַרום דעם אַלטן סאָלדאַט. בלויז דער מרה־שחורה'ניק זידלט זיך אָן אויפהער).

מרה־שחורה'ניק: מנוולים! שנאָרערס! שעפּסן! ס'אַ ליגן! נישטאָ קיין גאָט! אַ ריינער שווינדל!

(קיינער הערט אים נישט. ער ווערט אַנטשוויגן. דערנאָך הויבט ער זיך אומזיכער אויף און גייט־צו צום אַלטן סאָלדאַט).

מרה־שחורה'ניק: דו דאָרט... געדענק... פאַר'מסר מיך נישט פאַר אים... אַוודאי איז דאָס אַ שווינדל, אָבער ווער ווייס אים... הערסט?

(די סאָלדאַטן גייען זיך פאַנאַנדער אויף זייערע פּלעצער. שטיל־שווייגן).

דאָקטאָר (קומט־צו צו די סאָלדאַטן): וואָס, עס שלאָפט זיך נישט, מיינע פריינט?

דריטער סאָלדאַט: ווי קאָן מען שלאָפן? דער קאָמיסאַר האָט אונז צערודערט...

צווייטער סאָלדאַט: אַביסל צו־שיין אויסגעמאָלן דאָס בילד...

מרה־שחורה'ניק: אפשר זאָגט ער ליגן...

ערשטער סאָלדאַט: נישט איינצושלאָפן, כאָטש פּלאַץ, בשום אופן נישט... און אָט איז דער דאָקטאָר.

פריילעכער: כאָטש ער איז אַ דאָקטאָר, אָבער איינשלאָפן קאָן ער נישט... כאַ־כאַ־כאַ! (לאַכט).

צווייטער סאָלדאַט: דער דאָקטאָר איז אויך אַ מענטש.

דריטער סאָלדאַט: ער וואַרט אויך, וויל אַהיים־קומען.

דאָקטאָר: נישט געטראָפן, מיינע פריינט, כ'קאָן נישט שלאָפן מערסטנס פון הונגער.

שטימען (פאַרוואונדערט): פון הונגער? פון הונגער?

דאָקטאָר: וואָס איז דען? אייך דרייט נישט אין בויך פון הונגער?

פערטער סאָלדאַט: דרייען דרייט עס...

צווייטער סאָלדאַט: מיר זיינען אויך מענטשן.

ערשטער סאָלדאַט: אָט האָסטו, דאָקטאָר, געזאָגט „הונגער" — בין איך טאַקע הונגעריק געוואָרן, ריכטיק! און פריער — גאָרנישט, אפילו נישט באַמערקט. כ'האָב אַלץ געטראַכט וועגן אונזער היימלאַנד.

דיקער סאָלדאַט: היימלאַנד, ווי היימלאַנד, אָבער נעמען עפּעס אין מויל אַריין וואָלט אויך נישט געשאַדט!

דאָקטאָר: נאָך ווי אַזוי! דעם וויפלטן טאָג הונגערן מיר שוין?... (אַ גערודער פון צושטימונג).

דאָקטאָר (חניפה'דיק): יאָ, זאָגט אייך, וואָס איר ווילט, אין כינע זיינען מיר געווען זאַט. געגעסן צוויי מאָל אַ טאָג.

צווייטער סאָלדאַט: אויך טיי און צוקער געהאַט...

אַלטער סאָלדאַט: גאָט מיינער!

דיקער סאָלדאַט: טפו! (שפּייט אויס).

דאָקטאָר: ווע מע דערמאָנט זיך פרייטאָג: געקאָכטע פליש מיט רייז, און ברויט — וויפל דו ווילסט...

דריטער סאָלדאַט: כאָטש נעם און צעוויין זיך...

דיקער סאָלדאַט: און שעפּסן־פליש...

פערטער סאָלדאַט: אויך מיר פליש — אַ שעפּס!

דיקער סאָלדאַט: און מיט וואָס איז שעפּסן־פליש שלעכט?

צווייטער סאָלדאַט: אויך אַ מענטש...

מרה־שחורה'ניק: דער קאָמיסאַר זאָגט ליגן. ווער וועט עס באַשטעטיקן?

ערשטער סאָלדאַט: אפשר איז עס טאַקע אַזוי, אָבער די אַרבעט דאָרט איז געווען אַ קאַטאָרזשנע.

דאָקטאָר: נו, אַרבעטן דאַרף מען אומעטום. איר מיינט, אַז אין רסלאַנד אַרבעט מען נישט? ביי טאָג און ביינאַכט. דאָ: ווילסטו — אַרבעטסטו, ווילסט נישט — איז נישט. אָבער דאָרטן — מוז מען: קאָמונע!

פערטער סאָלדאַט: נו, אַז מע שפּאַרט זיך איין: איך וויל נישט!

דאָקטאָר: וועט מען דיך דער'הרג'ענען!

ערשטער סאָלדאַט: ס'רעדט זיך אַזוי?.. (אַ נישט־זיכערער מורמל).

וואַניאַ (הויך, מיט כעס): שעמט אייך, שעמט אייך, חברה. דער קאָמיסאַר האָט געזאָגט דעם אמת. דער קאָמיסאַר שלאָפט — און איר דרייט שוין אויף צוריק! שעמט אייך!

מרה־שחורה'ניק: הערט אים נישט, ער איז אַן אידיאָט!

וואַניאַ: ניין, איך גלויב... דער קאָמיסאַר שלאָפט — און איר...

ערשטער סאָלדאַט: אויך אמת...

צווייטער סאָלדאַט: בלויז איין טאָג פאַרבליבן צו גיין...

דריטער סאָלדאַט: מאָרגן וועלן מיר זיין אין דער היים...

אַלע: אין דער היים! אין דער היים! מאָרגן!...

## פינפטע סצענע

(ווידער דערהערט זיך פון דער פינצטערניש אַן אויסגעצויגענער שאַל פון אַ טרובע).

סאָלדאַטן: האַ! אַ טרובע! האַ! אין דער היים! אין דער היים! מיר זיינען געקומען! (רינגלען אַרום דעם דאָקטאָר) האָסט געהערט,

דאָקטאָר! מנוול, וועסט נאָך אַלץ העצן דאָס פאָלק? איצט האָסטו שוין געהערט, שוטה?

דאָקטאָר: נו, געהערט! אַ שאַקאַל ווײנט! וואָיעט אַ שאַקאַל אין מדבר — דאָס אַלץ!

(די סאָלדאַטן ווערן אַנטשוויגן. שטילקייט).

דאָקטאָר (לאַכט אויף אַ קול): און איר, נאַראָנים, גלויבט אין אַלץ. ווי גרינג עס איז אייך צו פאַררעדן די ציין: „מאָרגן אין דער היים" — כאַ־כאַ־כאַ!

סאָלדאַטן: וואָס הייסט? וואָס מיינט עס? דער קאָמיסאַר? דער קאָמיסאַר האָט דאָך געזאָגט.

דאָקטאָר: אפשר איז עס אמת, אָבער עס גלויבט זיך נישט. פונוואַנען, צו וואָס? ווילט איר הערן מיין וואָרט? זעקס וואָכן זיינען מיר געגאַנגען, זעקס חדשים איז נאָך געבליבן — יאָ!

(אַ גרויזאַמע פויזע).

דאָקטאָר: און אין כינע זיינען פאַראַן ווייבער. אַוועקגעוואָרפן האָבן מיר זיי — און געוואָרן מאָנאַכן. און ווער ווייסט זיי דאָרט: מיר'ן צוריקקומען קיין רוסלאַנד — און דער ווייב איז נמאס געוואָרן צו וואַרטן, האָט זי זיך אַ צווייטן גענומען — און נואָפ'ן איז דאָרט איצט שטאַרק פאַרבאָטן — אוך, ווי שטרענג!

אַ שטימע (פון המון) אַך, וואָלט גוט געווען אַ ווייב...

## זעקסטע סצענע

(באַגינען. אויפן הינטערשטן פלאַץ, נישט ווייט — קאָנטורן פון אַ שטאָט: נידעריקע הייזער, פאַלמען, טורעמער. קיינער אויף דער בינע באַמערקט נישט די ש ט אָ ט. אָבער דאָס פובליקום זעט זי).

מרה־שחורה'ניק: (שפּרינגט אויף): **צוריק!**

אַלע: צוריק! **ווייטער גיי איך נישט! דער קאָמיסאַר זאָגט ליגן! צוריק, צוריק!**

וואַניאַ (וועקט דעם קאָמיסאַר): **קאָמיסאַר, שטיי־אויף! שטיי־אויף, קאָמיסאַר!**

קאָמיסאַר (הויבט זיך אויף מיט שווערקייט) **האַ?!**

סאָלדאַטן (שפּאַרן אויף אים): **זאָגסט ליגן! זאָגסט ליגן! מיר'ן נישט גיין! צוריק! איך בין הונגעריק! מנוול! וועסט אונז מער נישט נאַרן! מיר'ן נישט גיין! מיר'ן ווייטער נישט גיין!**

קאָמיסאַר: **ש ו ו י י ג ט!**

סאָלדאַטן: **מיר'ן נישט גיין!**

קאָמיסאַר: **איך הייס שווייגן!**

(די סאָלדאַטן ווערן אַנטשוויגן. קוקן נישט־זיכער איינער אויפן צווייטן. דער דאָקטאָר האָט זיך באַהאַלטן הינטער דער מחנה).

קאָמיסאַר: **וואָס? וואָס ווילט איר? זאָל עמיצער רעדן!**

(די סאָלדאַטן קווענקלען זיך, טרעטן אויף צוריק).

קאָמיסאַר: **וואָס־זשע שווייגט איר? זאָל עמיצער רעדן!**

מרה־שחורה'ניק.: **נו, איך וועל רעדן. גוט, איך וועל אים זאָגן. (דער המון, אַ צופרידענער, שפּאַרט זיך פאָראויס) גענוג שוין, קאָמיסאַר, ליגן זאָגן. זאָג: ווען וועלן מיר אָנקומען? מאָרגן?**

סאָלדאַטן: **מאָרגן? ענטפער: מאָרגן? (וואַרטן מיט פאַרטאַיעטן אָטעם אויף אַן ענטפער).**

קאָמיסאַר (רואיק): **און אויב נישט? און אויב נישט אין אַ טאָג אַרום, נישט אין צוויי טעג אַרום, נאָר אין צוויי־און צוואַנציק טעג אַרום וועט איר אָנקומען, וואָס איז דאַן?**

(עס דערהערט זיך אַן אויסגעשריי פון פאַרצווייפלונג און צאָרן צווישן המון).

מרה־שחורה'ניק: **דאַן, דאַן גיב אונז עסן! גיב עסן!**

סאָלדאַטן: **גיב עסן! עסן!**

קאָמיסאַר: **עסן? עסן? נאַ, ע ס! (שיסט אויפן מרה־שחורה'ניק פון רעוואָלווער. דער מרה־שחורה'ניק פאַלט).**

פריילעכער סאָלדאַט: **אָט־דאָס הייסט אָנגעקאָרמעט! כאַ־כאַ־כאַ!**

**(זיין ווילד געלעכטער קלינגט־אָפּ אין פולשטענדיקער שטילקייט. דער פריילעכער סאָלדאַט הערט פלוצים אויף צו לאַכן. דער המון שטייט אויף איין זייט, דער קאָמיסאַר — אויף דער צווייטער — אָנגעשטרענגטע, גרייט צום שפּרונג).**

(די זון גייט־אויף. מע דערזעט שוין די שטאָט בולט. צום דריטן מאָל דערהערט זיך אַ הויכער נאָענטער שאַל פון דער טרובע).

וואַניאַ (שרייט־אויס מיט אַ דורכדרינגנדיקער שטים): **אַ ש ט אָ ט!**

**(אַלע קוקן זיך אום און ווערן פאַרגליווערט פאַר דעם וואונדערלעכן בילד. שטיל. עס קומען לאַנגזאַם אַריין דריי זקנים).**

ערשטער שטאָט־עלצטער (זיין שטים איז שאַרף, אומאַנגענעם און מאָנאָטאָן): **די שטאָט פון אמת און גלייכהייט איז אונזער שטאָט. מיר זיינען איינזאַם אין מדבר. איר זייט די ערשטע געקומען צו אונז — פרידן צו אייך. מיר זיינען דאָ אַלע גלייך. מיר אַרבעטן דאָ גלייך און מיר לעבן באַגלייך. איר האָט געזוכט אמת, גליק און אַרבעט. קומט, אַרבעט און לעבט מיט אונז. (גייט לאַנגזאַם צום טויטן קערפּער פון דעם מרה־שחורה'ניק): וואָס איז דאָס?**

קאָמיסאַר: **איך האָב אים געטויט!**

ערשטער שטאָט־עלצטער: **וואָס מיינט „געטויט"?**

**(פאָרהאַנג)**

# צווייטער אַקט (די קאַטאַסטראָפע)

## ערשטע סצענע

(אַ סקווער אין דער שטאָט פון גלייכהייט. רעכטס — אַ בערגל. אויפן שפּיץ פון בערגל אַ פּלאַטפאָרמע, וואָס זעט זיך אַרויס פאַר די צושויער. דאָס רעשט פון דער בינע איז פאַרשטעלט מיט קוסטעס. לינקס — אַ קליין, שטייניק בערגל. ווען דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף, איז אויף דער בינע פינצטער. די זון גייט־אויף: דער שפּיץ פון בערגל — רעכטס ווערט באַלויכטן פון די ערשטע זון־שטראַלן. דאָס רעשט פון דער בינע איז נאָך איינגעהילט אין חושך. אויפן שפּיץ פון בערגל שטייען: אַ בחור מיט אַ מיידל און קושן זיך. די קוסטעס רוקן זיך פאַנאַנדער און וואַניאַ שפּרינגט אַרויס מיט אַ שפּיז אין האַנט. ער וואַרפט די שפּיז אויפן בחור. די שפּיז שטעכט דורך ביידן: דעם בחור און דאָס מיידל. אויף איין מאָמענט בלייבן זיי שטיין אומבאַוועגלעך. דערנאָך פאַלן זיי און בלייבן ליגן — טויטע, דורכגעלעכערטע פון שפּיז, באַלויכטענע פון דער זון. וואַניאַ פאַרשווינדט. די זון באַלויכט די גאַנצע בינע).

## צווייטע סצענע

(לינקס — אויפן בערגל באַווייזן זיך די עלצטע פון שטאָט. זיי שפּאַנען מיט געמאָסטענע טריט).

ערשטער שטאָט־עלצטער: **ווידער איז די זון אויפגעגאַנגען.**

צווייטער: **און אַ נייער טאָג איז געקומען.**

דריטער: **זאָל ער ברענגען גליק.**

**(זעצן זיך אויף דער ערד).**

ערשטער: **מיר זיינען די עלצטע פון שטאָט.**

צווייטער: **מיר פירן־אָן מיט דער שטאָט.**

דריטער: **ביז מיר'ן שטאַרבן.**

ערשטער: **דעמאָלט וועלן קומען אַנדערע אויף אונזער אָרט.**

צווייטער: **אָנפירן מיט דער שטאָט.**

דריטער: **ביז זיי וועלן שטאַרבן.**

ערשטער: **וועגן וואָס איז אונזער שמועס היינט?**

צווייטער און דריטער: **וועגן די ניי־געקומענע.**

ערשטער: **זיי זיינען שוין דאָ צוואַנציק טעג. זענט איר צופרידן?**

צווייטער און דריטער: **נישט צופרידן.**

ערשטער: **רעדט.**

צווייטער: **פרעמד זיינען זיי, נישט ענלעך צו אונז. נישט ענלעך איינער אויפן צווייטן. יעדער פון זיי — אַ באַזונדערער.**

צווייטער און דריטער: **דאָס זיינען נישט קיין מענשן.**

צווייטער: **אומרואיקע און האַוועדיקע. רעדן אַ סך און טומלדיק. די שפּראַך איז אַ ווייכע, די געדאַנקען מאָדנע. רייסן איבער די רייד אינמיטן, פאַרענדיקן נישט די געדאַנקען און איילן זיך ווייטער.**

צווייטער און דריטער: **דאָס זיינען נישט קיין מענשן.**

צווייטער: **אַרבעטן נישט גלייך: איין טאָג טוען זיי אַלץ, דעם צווייטן — גאָרנישט. אַנטלויפן פון דער אַרבעט. שלאָפן נישט אין צייט, עסן נישט אין צייט.**

צווייטער און דריטער: **נישטאָ קיין אָרדענונג און געזעץ. דאָס זיינען נישט קיין מענשן.**

ערשטער: **וואָס טוט מען מיט זיי?**

צווייטער און דריטער: **פאַרטרייבן.**

צווייטער: **זיי וועלן אומברענגען די שטאָט.**

דריטער: **צעשטערן די אָרדענונג.**

צווייטער און דריטער: **פאַרטרייבן. (אַ קורצער שטילשווייגן).**

ערשטער: **לאָמיר וואַרטן. (הויבט זיך אויף). מיר האָבן גערעדט.**

צווייטער און דריטער (הויבן זיך אויף). **מיר האָבן גערעדט. (גייען לאַנגזאַם אָפּ).**

## דריטע סצענע

(די זון לויכט העלער. עס קומט אַריין אַ מיידל, נאָך איר דער יונגער סאָלדאַט).

יונגער סאָלדאַט: **וואַרט, מיידל! וואוהין אַנטלויפסטו פון מיר?**

מיידל (רעדט מיט אַ פאַרדומפּן קול, ווי אַלע אַנדערע שטאָט־איינוואוינער): **אַרבעט.**

יונגער סאָלדאַט: **די אַרבעט וועט וואַרטן. אָבער די ליפּן קאָנען נישט וואַרטן.**

מיידל (רייסט זיך אַוועקצוגיין): **אַרבעט.**

יונגער סאָלדאַט: **דאָס האָסטו מיך נעכטן געקושט?**

מייד ל: **איצט — אַרבעט.**

יונגער סאָלדאַט: **פאַרגעס אָן איר.**

מיידל (פאַרוואונדערט): **צו וואָס לעבן — אָן אַרבעט?**

יונגער סאָלדאַט: **כדי צו ליבן! אָ, מיידל, זאָג: האָסטו ווען געליבט?**

מיידל: **אַלעמען.**

יונגער סאָלדאַט: **נישט אַלעמען, בלויז איינעם?**

מיידל: **צו וואָס?**

יונגער סאָלדאַט: **ס׳זאָל זיין זיס. האָבן דיינע קני קיינמאָל נישט געציטערט, ווען דו האָסט געזען א י ם, דעם בעסטן פון אַלע, דעם שענסטן פון אַלע? האָסטו נישט געוויינט דורך די נעכט, פאַרדעקנדיק דאָס פּנים מיט די הענט, וועגן דעם, אַז ער ליבט אַן אַנדער מיידל?**

מיידל: **זאָל ער ליבן.**

יונגער סאָלדאַט: **אויב איך זאָל אַ קוש־טאָן אַן אַנדער מיידל, וועט דיר נישט וויי־טאָן, מיידל?**

מיידל: **קוש.**

יונגער סאָלדאַט: **אָ, דו האָסט קיינמאָל נישט געליבט, אָרעמע... אַז וועסט זיך פאַרליבן אין איינעם — וועסטו אויף די אַנדערע נישט וועלן קוקן. נאָר שעה׳נוויז וועסטו זיך אויסבאַהאַלטן הינטערן ראָג, אַבי נאָר כאַפּן אַ קוק אויף א י ם, כדי שטילערהייט פויזן נאָך א י ם, און לעקן די שפּורן פון ז י י נ ע טריט. און דו וועסט ציטערן, טאָמער קוקט ע ר זיך אום, און דו וועסט גאַרן, אַז ע ר זאָל זיך אומקוקן. דו וועסט מורא האָבן, טאָמער דערזעט ע ר דיך, און דו וועסט גאַרן, אַז ע ר זאָל דיך דערזען, אַז ע ר זאָל זיך דערנעענטערן צו דיר, דיך אַרומנעמען און דיך אַ ביס־טאָן אין די ליפּן... מיידל! ווען ער וועט זיך אומקוקן און דיך דערזען, וועט דיין האַרץ דען נישט אַ ציטער־טאָן און די ערד וועט דיך נישט אַ הויב־טאָן — אים אַנטקעגן? און ער וועט דיך נעמען אויף די הענט און וועט דיך אַוועקטראָגן, יובלענדיק. מיידל!**

מיידל (זייער שטיל) **אַרבעט.**

יונגער סאָלדאַט: **ער וועט דיך אַוועקטראָגן און אַוועקלייגן אויפן גראָז. און ער וועט אַנידערפאַלן אויף דיר, ווי אַ זון־שטראַל אויף דער ערד, און ער וועט דיך אַדורכדרינגען, ווי אַ שטראַל שפּיזלט־דורך די ערד, די פינצטערניש, די נשמה... און דערנאָך, אין אַ יאָר אַרום, ווען ביי דיר וועט געבוירן ווערן אַ קינד, פון דיין געליבטנס זאָמען, וועסטו אויך דעמאָלט טראַכטן וועגן אַרבעט, מיידל?**

(אַ לאַנג דויערנדיקער קוש)

פריילעכער סאָלדאַט: **אָט אַ מויד! און ווער וועט אַרבעטן?**

מיידל (שרייט הויך און דערשראָקן): **אַך! (פאַרשטייט נישט וואָס עס טוט זיך מיט איר, שרייט אויפן קול): וואָס איז דאָס?**

פריילעכער סאָלדאַט: **דערשראָקן זיך! צום ערשטן מאָל! זיך דער־שראָקן, דערשראָקן!**

מיידל (טוליעט זיך צום יונגן סאָלדאַט, נישט זיכער): **אַרבעט...**

פריילעכער סאָלדאַט: **אָט אַרבעטן מיר דאָך! (וויל זי אַ קוש־טאָן. זי שטויסט אים אָפּ און ער פאַלט).**

מיידל (צום יונגן סאָלדאַט): **קוש דו. דו — בעסער.**

פריילעכער סאָלדאַט: **גוט אַזוי! זי האָט זיך פאַרליבט. אַפילו נישט אין מיר, אָבער מזל־טוב! עס זעט אויס, אַז די היגע צנועות קאָן מען אויך צעטאָרן. מ׳עט אונז נישט באַשטראָפן פאַר דעם, וואָס מיר זיינען אַוועק פון דער אַרבעט?**

מיידל: **וואָס מיינט „באַשטראָפן״?**

פריילעכער סאָלדאַט: **קיין זאַך פאַרשטייען זיי נישט! נו, מ׳עט דיר דערלאַנגען קלעפּ, הייסט עס...**

מיידל: **צו וואָס?**

פריילעכער סאָלדאַט: **גאָט מיינער! נו, זאָלסט אַרבעטן!**

מיידל: **עס טוט דאָך וויי.**

פריילעכער סאָלדאַט: **דערויף שלאָגט מען דאָך, ס׳זאָל וויי־טאָן.**

מיידל: **ניין, ביי אונז שלאָגט מען נישט.**

פריילעכער סאָלדאַט: **אַז מען שלאָגט נישט, צו וואָס אַרבעט איר? כאַ־כאַ־כאַ! (לאַכט אַ באַגייסטערטער פון זיין חכמה).**

מיידל: **וואָס איז מיט דיר? וואָס איז מיט אים?**

יונגער סאָלדאַט: **וואָס מיינסטו?**

מיידל: **אָט־דאָס־אָ... שרייט עפּעס מאָדנע — און דאָס מויל זיינס...**

(דער פריילעכער סאָלדאַט הויבט־אָן שטאַרקער צו לאַכן).

יונגער סאָלדאַט: **ער לאַכט דאָך...**

פריילעכער סאָלדאַט: **אַ נו, צעלאַך זיך! אַ נו! צעלאַך זיך! צעלאַך זיך! צעלאַך זיך! כאַ־כאַ־כאַ! (טאַנצט און מאַכט העויות).**

מיידל (הויבט־אָן לאַכן): **וואָס? וואָס איז דאָס?**

פריילעכער סאָלדאַט: **אי, טאַטעלעך מיינע, זי לאַכט דאָך! מיין גאָט, זי לאַכט דאָך!**

מיידל: **וואָס איז דאָס? כאַ־כאַ־כאַ! (קושט זיך מיטן יונגן סאָלדאַט און לויפט אַוועק מיט אים).**

פריילעכער סאָלדאַט: **כאָ־כאָ־כאָ! אוי, איז דאָס אַ מויד! (לויפט זיי נאָך).**

(עס קומען אַריין דער דאָקטאָר און דער קאָמיסאַר).

קאָמיסאַר (קוקט־נאָך די אַנטלויפנדיקע): **דאָס מיידל האָט גע־לאַכט. האָסט געזען, דאָקטאָר?**

דאָקטאָר: **געזען און איך בין אויסער זיך. (דער קאָמיסאַר קוקט זיך אום, אַ דערשטוינטער) האָסט געהערט אַ מעשה: לאַכן גאָר אין דער שטאָט פון גלייכהייט! קיינער וויינט דאָ נישט און קיינער לאַכט נישט, קיינער בייזערט זיך נישט און קיינער שרעקט זיך נישט.**

קאָמיסאַר (פאַרכמורעט): **לאָז־אָפּ דאָקטאָר!**

דאָקטאָר: **כ׳וועל מער נישט... דו זאָג מיר בעסער, קאָמיסאַר: דו ביזט דאָך היינט אַוועק פון דער אַרבעט?**

קאָמיסאַר: **אַוועק!**

דאָקטאָר (מיט אַ חוזק־טאָן): **קאָמיסאַר? דו? האָסט דאָך צע־שטערט די הייליקע אָרדענונג!**

קאָמיסאַר: **דאָקטאָר, איך קאָן נישט מער... אַזוי אַרבעטן קאָן איך נישט. ווי אַן אָנגעשטעלטע כלי, ווי אַ גולם — איך קאָן נישט!**

דאָקטאָר (שטיל, טריאומפירנדיק): **דאָס קיניגרייך פון די גלייכע!**

קאָמיסאַר: **עמיצער זאָל אַ שמייכל־טאָן, אַ געשריי־טאָן, זיך צע־וויינען — ניין! רק זיי שווייגן, אַרבעטן און שווייגן, עסן און שווייגן. זיי פאַרשטייען נישט וואָס עס הייסט זינגען, שפּילן, טאַנצן. ווילסט זיי אַ קלאַפּ־טאָן, העלפט עס אויך נישט: פאַרשטייען נישט, פאַרוואָס איך שלאָג זיי. ווערן אַפילו נישט בייז ווערן — קאָנען נישט.**

דאָקטאָר: **זיי וועלן זיך אויסלערנען. דו ווייסט דאָך, מע קאָן אַ קליין טיגערל דערציען, ווי אַ הינטל. נאָר קוים דערזעט עס בלוט — פאַרפאַלן: דערוועקט זיך די חיה אין אים. אַזוי זיינען אויך די היגע. גאָט׳ס שעפּעלעך — נאָר קוים וועלן זיי דערשפּירן בלוט, וועלן זיי ווערן, ווי מיר — גזלנים.**

קאָמיסאַר: **דאָקטאָר, דאָקטאָר! איך וויל נישט אַזאַ מין גליק, אַזאַ מין גלייכהייט. איך וויל לעבן.**

דאָקטאָר: **דאָס לעבן איז דאָך נישט יושר׳דיק. אין לעבן זיינען דאָך פאַראַן רייכע און אָרעמע, קלוגע און נאַראָנים.**

(גייען־אָפּ. עס קומען אַריין סאָלדאַטן).

דריטער סאָלדאַט: **נו, גיט מען דאָ עסן — דער בויך וועט נישט אויסהאַלטן...**

ערשטער סאָלדאַט: **אַ גן־עדן! און די אַרבעט איז דאָ אויך נישט קיין צו־שווערע...**

אַלטער סאָלדאַט (קוקט זיך אַרום): **און בגדים האָט מען מיר דאָ געגעבן — אַ מחיה.**

פערטער סאָלדאַט: **איין זאַך בלויז — ס׳איז לאַנגווייליק!**

אַלע (כאַפּן־אונטער): **לאַנגווייליק! לאַנגווייליק!**

צווייטער סאָלדאַט: **נישטאָ קיין כוח אויסצוהאַלטן פון דעם היגן פאָלק.**

פינפטער סאָלדאַט: **נישט קיין מענשן, נאָר הענגערס. מ׳האָט אויפגעהאָנגען אויף זיי די קליידער, שפּאַנען זיי אַרום.**

ערשטער סאָלדאַט: **אפשר זיינען זיי הייליקע, אָבער אַזוינע לאַנג־ווייליקע — אַ שרעק!**

אַלטער סאָלדאַט: **נישטאָ מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן.**

דריטער סאָלדאַט: **שטייען־אויף אינדערפרי, עסן און דרייען זיך אַרום, ווי די אומרוס פון אַ זייגער.**

פינפטער סאָלדאַט: **מיט איין וואָרט — הענגערס. מ׳האָט אויפגע־האָנגען אויף זיי די קליידער, שפּאַנען זיי אַרום.**

ערשטער סאָלדאַט: **ס׳זאָל אויסרעדן אַ שיין וואָרט פאַר שיינקייט וועגן — גאָט באַהיט! אַלץ איז ביי זיי אויפן אָרט. קיין איבעריק וואָרט וועלן זיי דיר נישט זאָגן.**

צווייטער סאָלדאַט: **די פּשוט׳סטע ווערטער פאַרשטייען זיי נישט. „מיינס״, „דיינס״ וועלן זיי נישט זאָגן. אַלץ: „מיר״ און „אונזערס״.**

ערשטער סאָלדאַט: **ניין, עס לעבט זיך אונז דאָ גוט, מען קאָן נישט לייקענען, אָבער עס ווערט דאָך נמאס...**

דריטער סאָלדאַט: **אַלץ וואָלט שוין געווען צו דערליידן — אָבער די ווייבער ביי זיי זיינען הילצערנע... (אויסברוך פון אַנטריסטונג).**

ערשטער סאָלדאַט: **טפו — נישט קיין ווייבער! גלייך ווי גאָר־נישט! נעם זיך וועלכע דו ווילסט נאָר...**

דריטער סאָלדאַט: וועגן דעם רעדט מען דאָך, אַז קיין איינע זאָגט דיר נישט אָפּ. אַלע זיינען מסכים. אָבער ליב־האָבן לויטן געזעץ איז נישט אינטערעסאַנט. וואָלט דיר כאָטש איינער פון זיי פאַרפאָרן אין מאָרדע...

פערטער סאָלדאַט: קומסט צו איר — ביטע שיין, קומט אַ צווייטער — כאַר אַלעמען פאַראַן פּלאַץ. ווי די הינט, זיינען מיר ביי זיי.

אַלטער סאָלדאַט: מיט איין וואָרט: ז נ ו ת.

זעקסטער סאָלדאַט (די גאַנצע צייט געשוויגן): און ליבן ליבן זיי, דער טייוול זאָל זיי נעמען... ווי קלעצער, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד! אַלץ לויט אַ מאָס! נו, האָב איך איר געוויזן „אַ מאָס"!... פונקט, ווי זי וואָלט געטאָן איר טאָג אַרבעט.

פינפטער סאָלדאַט: זיי ליבן, ווי העגנערס, מיין ערן־וואָרט!

פערטער סאָלדאַט: אוי, גיי שוין צום טייוול מיט דיינע העגנערס! ביזט מיר נמאס, ווי ביטערער רעטעך!

דריטער סאָלדאַט: אַנומלט רוף איך איינעם פון זיי צו פאַרמעסטן זיך מיט די קולאַקעס. פרעגט ער מיך: „צואוואָס"? (אַלע לאַכן).

אַלע (צוזאַמען): צואוואָס? צואוואָס? אומעטום פרעגן זיי: צואוואָס? אָבער איין זאַך קאָנען זיי: אַ ר ב ע ט ן.

(ס'קומט אַריין דער דיקער סאָלדאַט און שלעפּט מיט זיך אַ אינגל).

דיקער סאָלדאַט: ניין, זאָגסט ליגן! קום, קום! (די סאָלדאַטן רינגלען זיי אַרום).

שטימען: וואָס? וואָס האָט ער געטאָן? עי, דו, פעטער בויך, לאָז־אָפּ דאָס אינגל!

(דאָס אינגל ווערט זיך נישט. ער קוקט זיך אַרום, פאַרשטייט נישט וואָס דאָ קומט־פאָר).

צווייטער סאָלדאַט: וואַרט, דיקער! לאָז־אָפּ ס'אינגל. ער איז דאָך אויך אַ מענש!

דיקער סאָלדאַט: פאַרוואָס האָט ער — אָט־זעט! צוגע'לקח'נט מיין גאַרטל?

אינגל: וואָס מיינט: „צוגע'לקח'נט"?

סאָלדאַטן: אָט אַ שד'ל! נו, גיי רעד מיט זיי!

אינגל: איך דאַרף אַ גאַרטל... און דו האָסט צוויי. האָב איך גענומען.

ערשטער סאָלדאַט: זיך אַפילו נישט אָנגעפרעגט?

אינגל: צואוואָס פרעגן?

..דיקער סאָלדאַט: וואַרט נאָר, בחור'ל: וועמעס גאַרטל איז עס, מיינער, צי דיינער?

אינגל: וואָס מיינט „מיינער"? (די סאָלדאַטן לאַכן און זידלען זיך).

דיקער סאָלדאַט: פאַרשטייסט נישט? פאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט? אָט זע: דאָס איז מיינס. (ווייזט אויפן גאַרטל) און דאָס איז דיינס (דערלאַנגט אים אַ פּאַטש).

אינגל: פאַרוואָס שלאָגסטו מיך?

אַלע: שוין ווידער פאַרוואָס? טפוי, איז דאָס אַ פאָלק!

דיקער סאָלדאַט: פאַרוואָס? פאַרוואָס? אָט האָסטו דיר פאַרוואָס.. (שלאָגט אים ווידער. דאָס אינגל טרעט צוריק צום בערגל. דער דיקער סאָלדאַט — נאָך אים. דאָס אינגל וויינט).

סאָלדאַטן: ער וויינט! אָט ווי ס'האָט אים צענומען! עי, דיקער, לאָז אים אָפּ!

אינגל (וויינענדיק, קלעטערט ער אַרויף אויפן בערגל. דערנענטערט זיך צו דער פּלאַטפאָרמע, וואו עס ליגן די טויטע קערפּערס פון דעם בחור מיטן מיידל. ניט קומענדיק צו־נאָענט צו זיי, נעמט ער זיך פלוצים פאַרטיידיקן. דערלאַנגט קלעפּ דעם דיקן סאָלדאַט).

סאָלדאַטן: אָ־אָ־אָ! מאָלאָדיעץ! דערלאַנג אים!

(עס קומען אַריין דער קאָמיסאַר און דער דאָקטאָר).

קאָמיסאַר (גייט שנעל צו צום דיקן סאָלדאַט): ווער האָט אָנגעהויבן? דו? ענטפער, בויך!

דיקער סאָלדאַט: ער האָט דאָך...

קאָמיסאַר: מע שפּייזט אייך דאָ, מע קליידט אייך דאָ, פון טויט האָט מען געראַטעוועט — און איר...

אַ שטים פון המון: ל אַ נ ג ו ו י י ל י ק!

סאָלדאַטן: ל אַ נ ג ו ו י י ל י ק! ל אַ נ ג ו ו י י ל י ק!

דאָקטאָר (צום קאָמיסאַר): דו אַליין האָסט דאָך געזאָגט...

קאָמיסאַר (שטיל): דיר האָב איך געזאָגט איין זאַך, און זיי זאָג איך: ש ו ו י י ג ט!

דאָקטאָר: י אָ!

קאָמיסאַר: שווייגט! (דער דאָקטאָר ציט מיט די אַקסלען).

קאָמיסאַר: דאָס זאָל אייך זיין צום לעצטן מאָל! אַניט...

אַ שטים פון המון: ביזט אַליין היינט פון דער אַרבעט אַוועק. נישטאָ וואָס צו שרייען!

(דער קאָמיסאַר קוקט זיך אום מיט ווילדן צאָרן. די סאָלדאַטן טרעטן־אָפּ דערשראָקענע).

## פ ע ר ט ע  ס צ ע נ ע

(האַלבער טאָג. דאָס ליכט פון דער זון איז באַזונדערס העל. עס קלינגט אַ גלאָק. די סאָלדאַטן גייען צום בערגל — רעכטס, זעצן זיך אַוועק. אין דער מיט — דער קאָמיסאַר. לאַנגזאַם מיט געמאָסטענע טריט קומען אַריין די איינוואוינער פון שטאָט. זעצן זיך לינקס אויפן בערגל. די איינוואוינער רעדן, ווי שטענדיק, פאַרדומפּן און האַרט. די סאָלדאַטן — פייערלעך, מיט קלינגעדיק־אומגעווייגלעכע שטימען. מע קאָן זיך נישט פאַנאַנדערקלייבן ווער עס רעדט — אַ כאָר פון שטימען!).

ערשטער שטאָט־עלצטער: די צייט איז האַלבער טאָג. נאָכמיטאָג קומט אָפּרו. דערציילט אונז, פרעמדלענדישע מענשן, וועגן אייער לעבן. וואָס איז דער צוועק פון אייער לעבן?

אַ שטים פון רעכטס (פון די סאָלדאַטן): דער צוועק פון אונזער לעבן איז ל ע ב ן. קורץ איז אונזער לעבן און די וועלט איז גרויס. לעבן מיר, כדי אַלץ צו דערקענען, צו געניסן פון לעבן ביזן לעצטן טאָג. מיר לעבן דערפאַר, וואָס נישט לעבן קאָנען מיר נישט. און אויך דערפאַר, וואָס מיר ווילן לעבן.

כאָר פון שטאָט־איינוואוינער: מיר פאַרשטייען נישט.

אַ שטים פון לינקס (פון די איינוואוינער): מיר לעבן דערפאַר, וואָס מיר דאַרפן אַרבעטן.

אַ שטים פון רעכטס (פון די סאָלדאַטן): מיר האַסן די אַרבעט. מיר אַנטלויפן פון אַרבעט. אָבער איינער אַרבעט אינגאַנצן נישט און דער צווייטער האָרעוועט אָן אָפּרו, אָן שלאָף, מיט זיין בלוט און זאַפט באַגיסט ער זיין פראַצע. און דער, וואָס אַרבעט נישט, דעם לעבט זיך בעסער פון דעם שווערן אַרבעטער. ער יאָגט דעם אַרבעטער און שלאָגט אים מיט זיין בייטש. און זיי האַסן איינער דעם צווייטן ביז זייער לעצטער שעה אויף דער ערד. אין אָט אין דעם דאָזיקן האַס איז לעבן.

כאָר פון שטאָט־איינוואוינער: מיר פאַרשטייען נישט.

אַ שטים פון לינקס (פון די איינוואוינער): מיר אַרבעטן דערפאַר, וואָס אין לעבן איז קיין זאַך נישטאָ חוץ דער אַרבעט.

רעכטע זייט: נישטאָ צווישן אונז קיין צוויי מענשן, וואָס זאָלן זיין ענלעך. און איין מענש איז ביי אונז מקנא זיין ברודער, שרעקט זיך פאַר זיין ברודער און קעמפט מיט אים. און אין קאַמף איז לעבן.

כאָר פון שטאָט־איינוואוינער: מיר פאַרשטייען נישט.

לינקע זייט: מיר רעדן צוזאַמען, טראַכטן צוזאַמען, אַרבעטן צוזאַמען. אַלע ווי איינער.

רעכטע זייט: ווען איינער פון אונז נעמט אַ זאַך ביי זיין ברודער, שטייט דער ברודער אויף אין קריג קעגן אים און קעמפט מיט אים ביז ער נעמט־אָפּ די זאַך, אָדער ער פאַלט אין שלאַכט. און אין קאַמף איז לעבן.

כאָר פון שטאָט־איינוואוינער: מיר פאַרשטייען נישט.

לינקע זייט: אַלץ געהערט צו אַלעמען. קיינער פאַרמאָגט נישט קיין זאַך. אַלע זיינען גלייך פאַרן געזעץ.

רעכטע זייט: יעדער איינער וויל הערשן איבער זיינע ברידער, זיך שאַפן מיט זיי, נעמען ביי זיי שטייערן און צינזן. אָבער קיינער וויל נישט האָבן איבער זיך קיין הערשער — דעריבער גיסט זיך בלוט און עס גייט־אָן אַן אייביקע שלאַכט פון אַלעמען קעגן אַלעמען. און אויך אין ד ע ם איז לעבן.

כאָר פון שטאָט־איינוואוינער: מיר פאַרשטייען נישט.

לינקע זייט: אַלע צוזאַמען גלייך פאַרן געזעץ. דאָס געזעץ איז דער האַר.

רעכטע זייט: ווען איינער פון אונז פאַרליבט זיך אין אַ פרוי, נעמט ער זי אַריין צו זיך אין הויז און זי ווערט זיין ווייב, כדי זי זאָל אים געבערן קינדער. און אויב דאָס ווייב פאַרליבט זיך אין אַ צווייטן — דערשלאָגט ער זי צום טויט. און אויב אַ צווייטער פאַרליבט זיך אין זיין ווייב, דערשלאָגט ער אויך אים צום טויט. וואָרעם, אויב ער וועט נישט טויטן דעם צווייטן, וועט דער צווייטער אים דער'הרג'ענען און צונעמען זיין ווייב פאַר זיך. און אויך אין מאָרד איז פאַראַן לעבן.

כאָר פון שאָט־איינוואוינער: מיר פאַרשטייען נישט.

לינקע זייט: אַלע ליבן אַלעמען! אַלע זיינען גלייך. נישטאָ קיין אויסוואַל.

רעכטע זייט: ווען אַ קינד ווערט געבוירן, וואַרפן טאַטע־מאַמע אַוועק די אַרבעט און ווייגן איבער זיין וויגעלע מיט טרערן פון פרייד. און זיי האָדעווען דאָס קינד און ציטערן איבער אים און געבן אים אַוועק דעם לעצטן ביסן פון מויל. צווישן טויזנט קינדער וועט אַ מאַמע געפינען איר קינד און ביי יעדער מאַמען איז איר קינד דאָס שענסטע אין דער וועלט. ווי איז דעם, וואָס וועט אָנרירן איר קינד. ווי איז דעם,

וואָס האָט נישט ליב איר קינד! וואָרעם ס'איז נישטאָ אַזאַ כוח, וואָס איז שטאַרקער פון מוטער־ליבע. און אויך אין ליבע איז פאַראַן לעבן.

כאָר פון שטאָט־איינוואוינער: מיר פאַרשטייען נישט.

לינקע זייט: די, וואָס געבערט אַ קינד, קאָרמעט עס מיט איר ברוסט. און זי גיט עס אַוועק דערצויגן צו ווערן מיט אַנדערע קינדער. און פאַרגעסט אָן אים. און דאָס קינד געדענקט נישט מער זיין מאַמען. אַ פרוי טאָר נישט ליב־האָבן בלויז איין קינד. אַלע זיינען גלייך פאַרן געזעץ.

רעכטע זייט (הויך און בייז): ווי איז דיר, שטאָט פון גלייכהייט, וואָרעם דו רייסט־אָפּ דאָס קינד פון זיין מוטער! אַלץ וועל איך דיר פאַרגעבן, נאָר די טרערן פון אַ מוטער וועל איך דיר נישט מוחל זיין. זיי פאַרשאָלטן פאַרן קינד, וואָס ווייסט נישט קיין לאַסקע, און פאַר דער מוטער, וואָס וואַרפט־אַוועק איר קינד! זיי פאַרשאָלטן! (שטיל־שווייגן).

## פינפטע סצענע

(עס ווערט מיטאַמאָל טונקל. אָוונט. וואַניאַ לויפט אַריין).

וואַניאַ (לויפט־צו צום קאָמיסאַר, שרייט): כ'האָב מיך דערמאָנט, כ'האָב מיך דערמאָנט, קאָמיסאַר!

(מיט וואַניאַס אויסגעשריי פאַרשווינדט די פייערלעכקייט, וואָס ווערט פאַרביטן אויף דערוואַרטונג פון עפּעס שרעקלעכעס).

קאָמיסאַר: וואָס האָסטו זיך דערמאָנט, אינגל?

וואַניאַ: מיין היים! מיין הויז! און די מאַמע! און דאָס פעלד, און דעם ברונעם, און מיין ברודער, און די שכנה, און די פּאָסט, און נאָך אַ ברודער. כ'האָב מיך אָן אַלץ דערמאָנט. מיין נאָמע איז יושקאָוו. אין שולע בין איך געגאַנגען. און ביכער געלייענט. זיך דערמאָנט.

קאָמיסאַר (צערטלעך): ווי אַזוי־זשע האָסטו זיך דערמאָנט, מיין ליבער?

וואַניאַ: ווי נאָר איך האָב זיי דערלאַנגט אַ קלאַפּ און זיי האָבן אַ פאַל געטאָן צו דער ערד — האָט עס מיך אויך, צוזאַמען מיט זיי, ווי פריטשמעליעט — און איך האָב פלוצים דערזען די מאַמען!

קאָמיסאַר: וועמען האָסטו דערלאַנגט אַ קלאַפּ? און ווער איז געפאַלן?

וואַניאַ (ווייזט אויפן בערגל): זיי...

קאָמיסאַר: ווער — זיי?

וואַניאַ: איר האָט נישט געזען? איר ווייסט נישט? דאַרף מען נישט. קאָמיסאַר — מע דאַרף נישט!

(דער קאָמיסאַר ווייזט מיט דער האַנט אויפן בערגל. צוויי סאָלדאַטן לאָזן זיך גיין אַהין).

וואַניאַ: מע דאַרף נישט! נישט איך, נישט איך האָב עס געטאָן! גייט נישט אַהין!

(ביידע סאָלדאַטן — פון רעכטס און פון לינקס — צענעמען גלייכצייטיק די קוסטעס. פון דער בינע דערזעט מען די דורכגעלעכערטע פּאָר. אַלע שטייען־אויף — די סאָלדאַטן און די שטאָט־איינוואוינער. די סאָלדאַטן טרעטן, שווייגנדיק, צוריק אין דער טיפעניש פון דער בינע. די שטאָט־איינוואוינער הויבן זיך, שווייגנדיק, אַרויף אויפן בערגל און רינגלען אַרום די דער'הרג'עטע).

דאָקטאָר: דאָס טיגערל האָט דערזען בלוט, איצטער — היט זיך!

ערשטער שטאָט־עלצטער: בחור, פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן?

וואַניאַ (צום קאָמיסאַר. פויזעט אויף דער ערד פאַר אים): איך האָב זי ליב געהאַט, איך האָב זי דערקענט. דאָס איז מיין כלה. נאַכט נאָך נאַכט האָב איך זי אין חלום געזען — און אָט האָב איך זי געפונען. איז געקומען אָט־דער, אַ צווייטער, פון שטאָט, און איר געזאָגט: „קום מיט מיר!" האָב איך זיך געבעטן ביי איר, געסטראַשעט איר: „כ'וועל דיך דער'הרג'ענען!" — האָט זי נישט פאַרשטאַנען. „איך וועל דאָך צוריקקומען!" — האָט זי מיר געענטפערט. זי האָט מיך נישט ליב געהאַט, זי האָט קיינעם נישט ליב געהאַט. נישטאָ קיין ליבע אין אָט־דער שטאָט, איינזינקען זאָל זי, די פאַרשאָלטענע! האָב איך זיי געפאַקט צוזאַמען — און זיי דערשלאָגן... אָט ליגן זיי.. יאָ־יאָ־יאָ! איך וואָלט זיי נאָכאַמאָל צום טויט דערשלאָגן, ווייל איך האָב זי ליב געהאַט, און איך בין אַ מענש, און זי איז אַ נידעריק באַשעפעניש! איך דאַרף נישט קיין פאַרגעבונג, איך האָב געטאָן וואָס מע דאַרף!...

(שטימען פון גוטהייסונג צווישן די סאָלדאַטן. דער קאָמיסאַר שווייגט. די שטאָט־איינוואוינער באַטראַכטע די דער'הרג'עטע. עס דערהערן זיך צערענדיקע שטימען צווישן זיי).

ערשטער שטאָט־עלצטער: בחור! פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן?

קאָמיסאַר: זקן! ער איז שולדיק. נעמט דאָס אינגל, ער איז אייערער!

(אַ געמורמל פון אויפרעגונג צווישן די סאָלדאַטן).

ערשטער שטאָט־עלצטער: וואָס דאַרפן מיר אים? מיר ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט אים.

ערשטער בחור (פון די איינוואוינער, מיט אַן אומגעוויינלעך־קלינגעדיק קול): איך ווייס!... איך, איך איך!...

דאָקטאָר (פאַר זיך): נישט „מיר", נאָר „איך". דאָס טיגערל האָט זיך אויסגעלערנט.

צווייטער שטאָט־עלצטער: בחור, שטעל זיך אָפּ! ווער האָט דיר דערלויבט צו רעדן?

ערשטער בחור (ווי ער וואָלט זיך פאַרכליניעט מיטן קלאַנג „איך"): איך, איך, איך! איך ווייס וואָס צו טאָן מיט אים. דאָס זעלבע, וואָס ער האָט געטאָן צו אונזער ברודער און שוועסטער... (זוכט דאָס וואָרט) דער'הרג'ענען!...

שטאָט־איינוואוינער: דער'הרג'ענען!

דאָקטאָר (פאַר זיך): די טיגערלעך ווייזן זייערע נעגל.

דריטער שטאָט־עלצטער: בחורים, באַדענקט זיך! שוין צייט צו גיין צו דער אַרבעט.

ערשטער בחור: מיר'ן אים דער'הרג'ענען, דערנאָך וועלן מיר גיין צו דער אַרבעט.

שטאָט־איינוואוינער: מיר'ן אים דער'הרג'ענען, דער'הרג'ענען!

וואַניאַ: קאָמיסאַר, פאַרגיב! ראַטעוועט! ראַטעווע, קאָמיסאַר!

(די סאָלדאַטן מורמלען. דער קאָמיסאַר שווייגט).

צווייטער בחור: וואָס וואַרטן מיר, ער וועט דאָך אַנטלויפן.

דריטער בחור: עלצטער, דערלויב!

שטאָט־איינוואוינער: דערלויב!

וואַניאַ: קאָמיסאַר! איך וויל דאָך זען מיין מאַמען. די מאַמע וואַרט דאָך אויף מיר, די מאַמע.

יונגער סאָלדאַט: קאָמיסאַר, פאַרגיב אים. ער האָט געטאָן וואָס מע דאַרף. אויב דו האָסט ווען עס איז געליבט — פאַרגיב!

(דער קאָמיסאַר שווייגט).

ערשטער בחור: ברידער! גענוג געוואַרט. לאָמיר אים נעמען!

וואַניאַ: קאָמיסאַר! אויב דו האָסט אַ מאַמען!...

ערשטער שטאָט־עלצטער (פאַרשטעלט דעם וועג פאַר די שטאָט־איינוואוינער): בחורים! מיר פאַרבאָטן אייך!

(אַ קורצע צעטומלעניש צווישן די שטאָט־איינוואוינער).

צווייטער בחור: איר זייט אַלט געוואָרן, שטערט אונז נישט!

צווייטער שטאָט־עלצטער: שטעלט זיך אָפּ!

דריטער בחור: טרעט־אָפּ, זקנים! (שטויסט זיי אָפּ, רינגלען אַרום וואַניאַן, שלעפּן אים אויף רעכטס, הינטער דער בינע).

וואַניאַ: קאָמיסאַר! קאָמיסאַר! קאָמיסאַר!

(די שטאָט־איינוואוינער פאַרשווינדן רעכטס. לאַנגזאַם גייען זיי נאָך די שטאָט־עלצטע. שטילשווייגן).

## זעקסטע סצענע

(עס ווערט טונקעלער. פון דער ווייטנס דערהערט זיך אַ האַרץ־רייסנדיקער געשריי. די סאָלדאַטן ציטערן־אויף).

יונגער סאָלדאַט: קאָמיסאַר, פאַרוואָס?

ערשטער סאָלדאַט: קאָמיסאַר, פאַרוואָס?

אַלע: פאַרוואָס? פאַרוואָס?

יונגער סאָלדאַט: האָט ער דען נישט געטויט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ מענש — אַ לעבעדיקער, ווי דו, ווי איך, ווי מיר אַלע? נאָר נישט ווי זיי — טויטע?

(די סאָלדאַטן מורמלען).

יונגער סאָלדאַט: ער האָט געטויט דערפאַר, וואָס דאָס בלוט איז ביי אים הייס, די הענט שטאַרק. און מיר ליבן דען נישט, און קאָכט דען נישט אונזער בלוט? הייסט עס, אַז אויך אונז דאַרף מען פאַר־ניכטן? מיר קאָנען נישט לעבן, ווי אָט־די גולמ'ס... (גערודער). קאָמיסאַר! איך זאָג דיר: אויב מיינע וועט מיך פאַרראַטן, וועל איך טאָן דאָסזעלבע: אי אים, אי זי! איך בין אַ מ ע נ ש!

סאָלדאַטן: איך אויך! איך — אויך! יאָ!

יונגער סאָלדאַט: קאָמיסאַר! פאַרוואָס האָסטו אים אומגעבראַכט?

קאָמיסאַר (לייגט אַרויף זיין האַנט אויפן אַקסל פון דעם יונגן סאָלדאַט): רעדן רעדסטו שיין, אָבער איינס האָסטו פאַרגעסן: איך האָב אייך אַהער געבראַכט, בין איך פאַר אייך ערוב. זאָגט אַליין, האָט איר דען נישט געזען, ווי שטאַרק איך האָב ליב געהאַט דאָס אינגל? פון אייך אַלעמען איז ער געווען דער בעסטער, אַ צערטלעכער אַזאַ. אָבער ער האָט עובר געווען אויפן באַפעל — איז ער דערפאַר געשטאָרבן! ער האָט דער ערשטער געהויבן די שפּייז — איז ער דערפאַר געשטאָרבן! (פויזע). ער איז געשטאָרבן! גענוג וועגן אים! אָבער מ י ר וועלן אַוועק פון דאַנען. אַוועק!

סאָלדאַטן: אַוועק! אַוועק! אַוועק! שוין בעסער אין מדבר! פיר אונז אַוועק פון דאַנען! מאָרגן! היינט! באַלד! באַלד!

קאָמיסאַר: הערט! מאָרגן פאַרטאָג גייען מיר אַוועק פון דאַנען. מאָרגן וועל איך אייך פירן ווייטער...

דאָקטאָר (שאַרף): וואוהין?

קאָמיסאַר: אין דעם לאַנד פון גלייכהייט, געזעץ — און לעבן!

(קוקט דעם דאָקטאָר גלייך אין די אויגן. דער דאָקטאָר לאָזט אַרונטער די אויגן. דער קאָמיסאַר און די סאָלדאַטן גייען־אָפּ — לינקס).

דאָקטאָר: ער לאַיגט שוין ווידער, אָבער ער איז שטאַרקער פון מיר. (רעכטס — הינטער די קוליסן דערהערן זיך געשרייען). דאָס טיגערל איז הונגעריק. וועט ער אונז אָפּלאָזן?

(גייט־אָפּ לינקס. עס ווערט נאָך טונקעלער).

## ז י ב ע ט ע ס צ ע נ ע

(פון רעכטס לויפט אַריין אַ המון פון שטאָט־איינוואוינער מיט פאַקלען. יעדער איינער טראָגט אַ שטיין אין האַנט).

שטאָט־איינוואוינער: זיי גייען אַוועק! גייען אַוועק! דער׳הרג׳עט — און איצט אַנטלויפן זיי! לאָמיר זיי נישט לאָזן, ברידער! לאָמיר זיי טויטן, ברידער!

מיידל: איך זאָג אייך, כ׳האָב עס אַליין געהערט: פאַרטאָג, מאָרגן פאַרטאָג גייען זיי אַוועק.

(דער המון מורמלט).

ערשטער שטאָט־עלצטער: זאָלן זיין גיין. מיר וועלן ווייטער אַרבעטן, ווי פריער.

מיידל: ברידער! זיי וועלן מער נישט צוריקקומען. וועלן מיר זיי אָפּלאָזן?... (זוכט דאָס פּאַסיקע וואָרט).

ערשטער בחור: נישט נעמענדיק נקמה אָן זיי?...

שטאָט־איינוואוינער: נקמה! נקמה!

צווייטער שטאָט־עלצטער: זיי גייען אַליין אַוועק. וועט איר זיי לאָזן גיין, ברידער?

מיידל: זיי האָבן צעבראָכן אונזערע געזעצן, צעשטערט אונזער גליק — און איצט גייען זיי אַוועק. וועט איר זיי לאָזן גיין, ברידער?

דריטער שטאָט־עלצטער: זיי זיינען שטאַרק און באַוואָפנט. מיט וואָס וועט איר אַרויסטרעטן קעגן זיי?

מיידל: מיט שטיינער וועלן מיר זיי באַוואַרפן — נקמה! אונזער מחנה איז גרעסער.

שטאָט־איינוואוינער: אונזער מחנה איז גרעסער! אונזער מחנה איז גרעסער! נקמה! נקמה! נקמה!

מיידל: וואָס־זשע וואַרטן מיר, ברידער? אַ טויט צו די פרעמדע, צו די מערדער — אַ טויט!

שטאָט־איינוואוינער: טויט! טויט!

(לויפן אַוועק לינקס. די שטאָט־עלצטע בלייבן אינמיטן דער בינע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. פינצטערניש. נאַכט).

## אַ כ ט ע ס צ ע נ ע

(לינקס הערן זיך געשרייען און שיסערייען).

שטאָט־עלצטע: טויט!

(פאָרהאַנג)

# דריטער אַקט (די אויפלייזונג)

(די זעלבע דעקאָראַציע וואָס אין צווייטן אַקט. רעכטס — אויפן בערגל ליגט דאָס דורכגעשטאָכענע פאָרל).

## ע ר ש ט ע ס צ ע נ ע

(נאַכט. פאַקלען. די סאָלדאַטן שטייען אויסגעשטעלט אין פראָנט. דער קאָמיסאַר רופט־אויס נעמען לויט אַ צעטל).

קאָמיסאַר: סערגייעוו, איוואַן!

ערשטער סאָלדאַט (דזשורנער): אומגעקומען אין וועג!

קאָמיסאַר: סעדיוקאָוו, ניקאַנאָר!

ערשטער סאָלדאַט: אומגעקומען אין וועג!

קאָמיסאַר: טאָרענבערג, אַלעקסאַנדער!

ערשטער סאָלדאַט: אומגעקומען אין וועג!

קאָמיסאַר: כאָמענטאָווסקי, סערגיי!

ערשטער סאָלדאַט: אומגעקומען אין וועג!

קאָמיסאַר: צאַרקאָוו, סערגיי!

ערשטער סאָלדאַט: אומגעקומען אין וועג!

קאָמיסאַר: טשובאַר, מיכאַילאָ!

פריילעכער סאָלדאַט: פאַראַן!

קאָמיסאַר: יושקאָוו, איוואַן!

ערשטער סאָלדאַט: הינגעריכטעט! (פויזע).

קאָמיסאַר: פריי! אין אַ שעה אַרום אין וועג אַריין!

דריטער סאָלדאַט: קאָמיסאַר! לאָז גיין אין שטאָט אַריין...

קאָמיסאַר: ווידער ראַבירן?

דריטער סאָלדאַט: צו וואָס ראַבירן? נישטאָ מער קיין באַלעבאַטים.

דיקער סאָלדאַט: אויסגעפּגר׳ט!

דריטער סאָלדאַט: פאַרוואָס זאָל אַזויפיל האָב־און־גוטס גיין אין ניוועץ?

קאָמיסאַר: איר וועט סיי־ווי אַלץ אַוועקוואַרפן אויפן וועג. גייט! אָבער געדענקט: אויב איר וועט געפינען עמיצן אַ לעבעדיקן — פון יענע, נישט אָנרירן! איר הערט? נ י ש ט ה ר ג ׳ ע נ ע ן!

דיקער סאָלדאַט: צו וואָס הרג׳ענען — זיי זיינען אַזוי אויך טויט.

פריילעכער סאָלדאַט: קיין טויטערע פון זיי איז נישט פאַראַן! כאַ־כאַ־כאַ!

קאָמיסאַר: אַלע?

פערטער סאָלדאַט: ביזן לעצטן!

פריילעכער סאָלדאַט: אַ ריין שטיקל אַרבעט.

(דער קאָמיסאַר לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ, גייט אַוועק אָן אַ זייט. זעצט זיך אונטערן בערגל — רעכטס. די סאָלדאַטן גייען־אַוועק).

ערשטער סאָלדאַט: ס׳איז דאָך אַ רחמנות אויף זיי, ברידערלעך! אַ קלייניקייט, אַ גאַנץ פאָלק אין איין נאַכט אומגעבראַכט.

צווייטער סאָלדאַט: זיי זיינען דאָך אויך מענטשן.

דיקער סאָלדאַט: אַליין שולדיק: וואָס זיינען זיי געקראָכן?

דריטער סאָלדאַט: און ווי זיי האָבן געקעמפט, דער טייוול נעמט זיי... מיט די הוילע הענט! שפּאַרן אויף אונז און שפּאַרן, וואָלטן זיי כאָטש געוועזן געשיצט זיך פון די קוילן...

פערטער סאָלדאַט: און די ווייבער — מיט זיי.

ערשטער סאָלדאַט: זיי האָבן אונז געקאָרמעט, געפּאָיעט — און מיר? אַך, ס׳אַ רחמנות...

דיקער סאָלדאַט: אַז דו וועסט אויף יעדן איינעם רחמנות האָבן, וועט אויף דיר אַליין אינגיכן זיין אַ רחמנות.

(גייען־אָפּ, טראָגן אַוועק די פאַקלען. אויף דער בינע ווערט פינצטער).

## צ ו ו י י ט ע ס צ ע נ ע

קאָמיסאַר (בלייבט אַליין): יושקאָוו, איוואַן — הינגעריכטעט! ווער האָט אים הינגעריכטעט — איך האָב אים הינגעריכטעט. איך האָב געפונען דאָס אינגל, אים געראַטעוועט, אים צוגעוואוינט צו מיר, געווען גוט צו אים. און דער׳הרג׳עט... „קאָמיסאַר, אויב דו האָסט געליבט!" ניין, דער קאָמיסאַר האָט נישט געליבט. אַ קאָמיסאַר דאַרף נישט ליבן — דערויף איז ער אַ קאָמיסאַר. דאָס האַרץ איז ביי אים פון שטיין, פון שטיין!... „קאָמיסאַר, אויב דו האָסט אַ מאַמען!" ניין, אַ קאָמיסאַר האָט נישט קיין מאַמען — דערויף איז ער אַ קאָמיסאַר. אַלע האָבן מורא פאַר אים, אַלע האַסן אים — ק אָ מ י ס אַ ר! בלויז איין אינגל האָט מיך ליב געהאַט — האָב איך אים דער׳הרג׳עט...

(פויזע. אין דער פינצטער, פון הינטער די קוסטעס קומט־אַרויס דער דאָקטאָר. שטעלט זיך איבערן קאָמיסאַר און לאַכט).

דאָקטאָר: דו וויינסט, קאָמיסאַר? וויין, וויין! די זינד מוז זיין גרויס, אויב דער קאָמיסאַר וויינט. וועגן וואָס? וועגן דעם, אַז דאָס הייליקסטע אין לעבן איז באַשפּיגן. פון וועמען? פון דיר אַליין! האָסט געזוכט דעם אמת — און אָט האָסטו אים געפונען. וואָס האָסטו געטאָן מיטן אמת? צעטראָטן, פאַרצוקט און אַוועקגעוואָרפן. אַלע ביז איינעם — דער׳הרג׳עט... וואָס אַזוינס איז א מ ת? — לאַנגוויל. וואָס אַזוינס איז גלייכהייט? — לאַנגוויל. אַלץ, וואָס איז ערלעך און ריין, איז טויט. אין דעם אום־אמת איז לעבן, אין מאָרד איז לעבן, אין קאַמף! וואָס־זשע וועסטו איצט טאָן, קאָמיסאַר? וועסט ווייטער גיין, וועסט ווייטער נאַרן — זיי און זיך, ווידער זוכן דאָס שוין איינמאָל געפונענע — און אַוועקגעוואָרפענע? קאָמיסאַר! לאָז זיי איבער. לאָמיר אַוועק פון זיי. לאָמיר ביידע אַנטלויפן. לאָמיר זוכן דאָס בלוטיקע, אום־יושר׳דיקע, פריילעכע לעבן! קאָמיסאַר! (דער קאָמיסאַר שלאָפט). ער שלאָפט. הער־זשע, קאָמיסאַר! אויך איך האָב געזוכט דאָס גוטע אין לעבן, די קאָמונע, די גלייכהייט, פונקט ווי דו. אַ שוטה בין איך געווען! ס׳גאַנצע לעבן האָב איך אַוועקגעגעבן דערויף, פון דער היים אַוועק, די מאַמע פאַרלאָזן, וועל איך דערפאַר, ווי אַ בעטלער, שטאַרבן. איז געקומען די צייט און איך האָב דערזען — לאַנגוויל, לאַנגוויל, ל אַ נ ג ו ו י י ל! איך גלויב שוין מער אין קיין זאַך נישט. און איך האַס יענע, וואָס גלויבן. דאָס האָב איך אויפגעהויבן אַ בונט קעגן דיר. דאָס האָב איך געהעצט די סאָלדאַטן

— קעגן דיר! איך וויל, אַז איר — גלויביקע, זאָלט אומקומען. דו הערסט, קאָמיסאַר! ער שלאָפט.

(דער דאָקטאָר פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש. פון הינטער די וואָלקנס שווימט־אַרויס אַ בלאַסע, ערב־באַגינען לבנה).

## דריטע סצענע

(דער קאָמיסאַר שלאָפט. עס קומט אַריין דער יונגער סאָלדאַט, טראָגט דאָס פאַרוואונדעטע מיידל, לייגט זי אַוועק אויף דער ערד).

יונגער סאָלדאַט: דו לעבסט, לעבסט! זאָג מיר, אַז דו לעבסט!

מיידל: איך האַס דיך.

יונגער סאָלדאַט: דאָס בין איך!... איך האָב דיך געזוכט אינמיטן שלאַכט. און איך האָב דיך געפונען — ווי אַזוי געפונען!

מיידל: איך האַס דיך.

יונגער סאָלדאַט: איך האָב דיך געטויט... פאַרוואָס האָסטו זיך געוואָרפן אויף מיר אין דער פינצטער און מיך אַ קלאַפּ־געטאָן? האָסטו מיך נישט דערקענט?

מיידל: איך האָב דיך געזוכט — דיך צו טויטן. דו האָסט מיך אויסגעלערנט ווי אַזוי צו ליבן, הייסט עס: ווי אַזוי צו האַסן אויך. איך ליב דיך, אָבער איך האַס דיין פאָלק. די ליבע איז זיס, אָבער די שנאה איז זיסער. איך האַס דיך.

יונגער סאָלדאַט: דו וועסט גיין מיט מיר. צו אונז אין לאַנד. דו וועסט לעבן מיט מיר און דערציען מיינע קינדער און מעלקן מיינע קי.

מיידל: איך האַס דיך.

יונגער סאָלדאַט: אין אָוונט וועל איך קומען אַהיים, אַ מידער פון דער אַרבעט. וועסטו אַראָפּוואַרפן פון זיך די קליידער און וועסט זיך לייגן מיט מיר. ביז באַגינען.

מיידל: איך האַס דיך.

יונגער סאָלדאַט: איך וועל דיך צודריקן צו מיין ברוסט, און מיינע ליפּן וועלן געפינען דיינע ליפּן, און מיין צונג וועט באַרירן דיין צונג. ביז באַגינען.

מיידל: איך האַס דיך.

יונגער סאָלדאַט: און מיינע הענט וועלן דיך אַרומנעמען, און דיינע הענט וועלן מיך אַרומנעמען — און צוויי גופים וועלן ווערן איינס. ביז באַגינען.

מיידל: איך האַס דיך. (אַ לאַנגער קוש).

יונגער סאָלדאַט: (הויבט זיך אויף): דער סוף. (קוקט זיך אַרום. גייט אָפּ).

## פערטע סצענע

(עס קומען אַריין די סאָלדאַטן מיט פאַקלען. פירן דאָס אינגל).

סאָלדאַטן: קאָמיסאַר!

קאָמיסאַר (פון שלאָף): „אויב דו האָסט געליבט, קאָמיסאַר!“... איך קאָן נישט ליבן, איך בין אַ קאָמיסאַר!

סאָלדאַטן: קאָמיסאַר! קאָמיסאַר!

קאָמיסאַר (כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך אַרום, הויבט זיך אויף): ס'איז שוין צייט!

ערשטער סאָלדאַט: (פירט־צו דאָס אינגל צום קאָמיסאַר): פון דער שטאָט — אַ י נ ע ר פאַרבליבן.

אַלטער סאָלדאַט: וועט מען ד ע ם אויך דער'הרג'ענען?

דיקער סאָלדאַט: וואָס דען זאָל מען טאָן מיט אים?

קאָמיסאַר: אינגל...

אינגל: מיין האַר! טויט מיך נישט!

קאָמיסאַר: שרעק זיך נישט, אינגל!

אינגל: מיין האַר! נעם מיך מיט זיך! צו אייך... איך וויל זיין ווי איר — רעדן ווי איר און טויטן ווי איר. דאָס איז פריילעך, מיין האַר. (געלעכטער).

סאָלדאַטן: לאָמיר אים מיטנעמען!

קאָמיסאַר (רעדט, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויפן אינגל'ס קאָפּ): חברים! מיר גייען ווייטער — אַהיים — קיין רוסלאַנד!

אַלע (און העכער פון אַלע — דאָס אינגל): קיין רוסלאַנד!

קאָמיסאַר: איך האָב געזאָגט: דאָס לאַנד פון אמת און גליק — יאָ! איך האָב געזאָגט: אַלע זיינען גלייך פאַרן געזעץ — יאָ! נאָר אויב עמיצער וועט זאָגן, אַז דאָרטן, אין דער היים, איז פּונקט ווי דאָ: אַ טויטע רו — רייסט מיר אַרויס די צונג! האָב איך דאָס געזאָגט?

אַלע: ניין!

דאָקטאָר (שטיל): געזאָגט!

קאָמיסאַר: דאָרט זיינען אַלע גלייך, אָבער נישט איין־און־דיזעלבע. דאָרט איז פאַראַן גליק, אָבער נישט קיין רו. נישטאָ קיין רו, רו איז פאַר די טויטע. דאָרט איז אַן אייביקע שלאַכט, אַן אייביקער קאַמף, אַן אייביקער שטרייט! און בלוט! וואו עס איז נישטאָ קיין בלוט, דאָרט איז נישטאָ קיין לעבן! וואו עס איז נישטאָ קיין קאַמף דאָרט איז נישטאָ קיין לעבן! ווילט איר קאַמף, בלוט און גליק?

אַלע: קיין רוסלאַנד!

קאָמיסאַר: שטעלט זיך אין פראָנט! פאָראויס! (סאָלדאַטן זינגען: „דרייסטער, חברים, געגאַנגען!“ גייען אַוועק מיט פאַקלען אין די הענט).

## פינפטע סצענע

(דער דאָקטאָר זיצט — לינקס, אויפן בערגל. רעכטס — דער קאָמיסאַר און דאָס אינגל).

דאָקטאָר (פאַר זיך): זיי זיינען אַוועק... וועלן זיי טאַקע דערגיין? פאַרוואָס גלויב איך נישט? איך וואָלט געווען אַזוי גליקלעך, ווען איך וואָלט געגלויבט, ווי זיי...

קאָמיסאַר (צום אינגל): דו ווילסט גיין מיט אונז, אינגל?

אינגל: יאָ, מיין האַר...

קאָמיסאַר: און ווייסטו וואָס עס מיינט הרג'ענען?

אינגל: כ'ווייס.

קאָמיסאַר: און וואָס מיינט: גנב'ענען, ליגן־זאָגן, אָפּנאַרן?

אינגל: כ'ווייס.

קאָמיסאַר: און דו וועסט הרג'ענען, קעמפן, אָפּנאַרן, אינגל?

אינגל: איך וועל!

קאָמיסאַר (שפּיליעט־אָפּ דעם קינזשאַל): דו זעסט אָט־דאָס מעסער?

אינגל (מיט באַגייסטערונג): אָ, קאָמיסאַר, דו וועסט עס מיר געבן?

קאָמיסאַר: זעסט, אָט־דאָרט זיצט אַ מענש מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ? גיי און טויט אים. און איך וועל דיך נעמען מיט זיך און איך וועל דיר שענקען דאָס מעסער.

אינגל (כאַפּט דאָס מעסער): איך גיי!

(פאָרזיכטיק, מיט קעצישע טריט, גנב'עט ער זיך אונטער צום דאָקטאָר. אַ שפּרונג — און ער כאַפּט דעם דאָקטאָר הינטן־אַרום ביים האַלדז — און בלייבט הענגען אויף אים).

דאָקטאָר: אַ! וואַרט! וואַרט, מענש! פאַרוואָס? (הויבט זיך אויף אויף די פיס. דאָס אינגל הענגט אויף אים, שטעכט אים אַריין דאָס מעסער אין ברוסט. דער דאָקטאָר פאַלט אויף דער זייט. דאָס אינגל שפּרינגט־אָפּ פון אים).

דאָקטאָר (ליגט אויף דער ערד, כריפּעט): פאַרוואָס? פאַרוואָס?

קאָמיסאַר: דערפאַר, וואָס דו האָסט נישט געגלויבט. אַזעלכע, ווי דו, דאַרפן מיר נישט — האָב איך דיך אָפּגעראַמט פון וועג. מיר — די גלויביקע — וועלן דערגיין אָן דיר.

דאָקטאָר (כריפּעט): און איר וועט געפינען דאָס לאַנד פון די טויטע, פּונקט ווי דאָס היגע לאַנד! דאָס לאַנד פון מאַשינען!

קאָמיסאַר: דאָס לאַנד פון גלייכהייט און בלוט, פון אָרדענונג און געלעכטער, פון געזעץ און קאַמף.

דאָקטאָר: אַזעלכע לענדער זיינען נישט פאַראַן!

קאָמיסאַר: רוסלאַנד...

דאָקטאָר: און אויב דאָרטן איז פּונקט, ווי דאָ?...

קאָמיסאַר: וועלן מיר גיין ווייטער.

דאָקטאָר: נישטאָ קיין סוף צום וועג!

קאָמיסאַר: פאַראַן אַ סוף!

דאָקטאָר (מיט אַ פאַרצווייפלטן כריפּ): איר וועט דערגיין — און נישט געפינען! נישטאָ קיין סוף!

קאָמיסאַר (צום אינגל): קום!

אינגל: איך גיי מיט דיר, איך גיי מיט דיר! לעבן!

(גייען־אָפּ. שטילשווייגן).

## זעקסטע סצענע

(די זון גייט־אויף, באַלויכטנדיק די דורכגעלעכערטע פאָר אויפן שפּיץ פון בערגל. די גאַנצע בינע איז אין פינצטערניש).

סאָלדאַטן (הינטער די קוליסן, זינגען):

„אַ וועג צו דעם מלכות פון פרייהייט
מיר ברעכן זיך דורך מיט דער ברוסט!“

דאָקטאָר (שרייט, כריפּענדיק): נישטאָ קיין סוף! איר וועט דערגיין, אָבער איר וועט נישט געפינען!

## (פאָרהאַנג)

אָקטאָבער 1923 — מערץ 1924.